YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i23

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 23
June 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 23)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/287

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב כ"ז, 6)
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 23. | New York, Friday, June 9, 1922. | פרייטאג, דעם 9טען דזשון, 1922 | PRICE 3 CENTS

ערשטער פערטעל יעהרליכער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

דער ערשטער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון אונזער נייערוועהלטען גענעראל עקזעקוטיוו באארד עפענט זיך דעם דאנערשטאג אין־דער פריה, דעם 8טען דזשון, אין האטעל גיבסאן, סינסינעטי, אהייא. אויף דעם מיטינג וועלען אויפגענומען ווערען זעהר וויכטיגע פראגען. דיזער מיטינג דארף אנצייכענען דעם וועג פאר דער טעטיגקייט פון דעם באארד אין דער גאנצ'ן נאהענטער צוקונפט.

קודם כל דארף דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד איבערגעהן די אלע רעזאלוציעס וואס זיינען אנגענומען געווארען אויף אונזער לעצטער קאנווענשאן אין קליוולאנד, און זעהן וועלכען מאנדאט דער באארד האט באקומען פון דער קאנווענשאן. וואריום איז דאך עס דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וואס דארף דורכפיהרען און לעבען די באשלוסען פון דער קאנווענשאן.

דאן זיינען פאראן איינינע ענינים, וואס די קאנווענשאן האט איבערגעלאזען פאר'ן דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אליין צו אורטיילען, ווי עס זאל אין יענע פראגען געהאנדעלט ווערען. יענע פראגען וועלען אויף דעם מיטינג גאנץ גענוי באטראכט ווערען און א באשלוס וועט אנגענומען ווערען, ווי אזוי זיי זאלען געלייזט ווערען צו דער צופרידענהייט פון אונזער גרויסער מיטגלידערשאפט.

באזונדערס וועט דער מיטינג האבען פאר זיך צו באטראכטען די פראגע פון אן ארגאניזאציאנס דעפארטמענט, וואס די קאנווענשאן האט באשלאסען. דער מיטינג וועט דארפען אויסארבייטען פלענער, ווי אזוי דער דעפארטמענט זאל עטאבלירט ווערען און ווי ער זאל פונקציאנירען. אין וועלכען טייל פון לאנד דער דעפארטמענט זאל פריהער איינגעפיהרט ווערען און אין וועלכען שפעטער, און אויך ווער עס זאל אנגעשטעלט ווערען אויף דעם נייעם פאסטען. די ארגאניזאציאנס פראגע איז איינע פון די ברענענדסטע פראגען אין אונזער יוניאן. דיזע ארבייט דארף געטאן ווערען מיט פיל איבערלעגענהייט, מיט א ליבע צו דער זאך און אויך מיט א סך אויסדויער. דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט דארפען וויגען און טעסטען, אויסערשטעלען ביי אט דער ארבייט די ריכטיגע מענשען, די פאסענדע פערזאנען. און מיר האבען דעם פולען גלויבען, דאס דעם באארד וועט געלינגען צו געפינען די ריכטיגע מענשען פאר דער זעהר וויכטיגער ארגאניזאציאנס־ארבייט. וואריום דער ערפאלג פון דער אונטערנעמונג העננט דאך זעהר פיל אפ פון די פערזאנען וואס וועלען דארפען טאן די ארבייט.

אין קורצען, דער מיטינג וועט האבען פאר זיך א סך וויכטיגע ארבייט צו טאן, פאר דעם ווייטערען ערפאלג פון אונזער גרויסער ארגאניזאציע.

אויף דעם מיטינג וועט זיין דער גאנ־

(שלוס אויף זייט 16)

וועסט דזשוינט באארד העלפט דעם פיפעלס רעליף קאמפיין

דער דזשאינט באארד פון דרעס און וויסט מייקערס יוניאן האט זיך אריינגעווארפען אין דעם מיליאן דאלאר געציינג קאמפיין, וואס ווערט יעצט אנגעפיהרט פון דער פיפעלס רעליף קאמיטע, מיט דער גאנצער ענערגיע פון דער ארגאניזאציע. נאך א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד, ביי וועלכען עס זיינען אויסגעארבייט געווארען א רייהע פלענער לויט וועלכע די דרעס און וויסט מייקערס יוניאן וועט ארבייטען מיט דער פיפעלס רעליף קאמיטע אין פארלויף פון דעם קאמפיין, האט דער דזשאינט באארד ארויסגעלאזען דעם פאלגענדען אויפרוף צו די מיטגלידער:

צו די מיטגלידער פון די וויסט און דרעסמאכער לאקאלס:

„שוועסטער און ברידער! שבת און זונטאג, דעם 17טען און 18טען יוני האט די פיפעלס רעליף קאמיטע באשטימט אלס די צוויי „טעג־דעים" אין דעם גרויסען מיליאן דאלאר געציינג קאמפיין. אין די צוויי דערמאנטע טעג וועלען אין אלע שטעדט איבער דעם גאנצען לאנד, וואו נאר עס געפינען זיך אידען, געמאכט ווערען געלד זאמלונגען פאר דעם געציינג פאנד. פאר די געזאמעלטע געלדער וועט געשאפען ווערען געציינג פאר די אידישע ארבייטער אין רוסלאנד און אוקראינע, מיט וועלכע זיי וועלען אימשטאנד זיין אנצוגעהן מיט זייער ארבייט פון אויפבויען די חורבות פון זייער צושטערטען לעבען. די געציינג וועט געהן פאר אידישע ערד ארבייטער און אידישע בעלי־מלאכות."

„עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז נאך זיבען יאהר קריג און פא־

(שלוס אויף זייט 5).

די 42טע קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר

מאנטאג אין דער פריה, דעם 12טען יוני, עפענט זיך אין סינסינעטי, אהייא, די 42טע יעהרליכע קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר. אזוי ווי דער 1טער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ווערט אפגעהאלטען אין דער זעלבער שטאדט, וועט דער גאנצער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד בייוואוינען די ערעפענונג פון דער קאנווענשאן. די 42־טע קאנווענשאן וועט זיך עפענען מיט באגריסונגס־רעדען און מיט די אלע צערעמאניעס, ווי אלע יאהר.

אין פרעזידענט גאמפערס'עס רעפארט צו דער קאנווענשאן ווערען באריהרט א סך אינטערעסאנטע פראגען, אין בעצוג די ארבייטער באוועגונג. באזונדערס ווערט דארטען דערמאנט דער אינ־דזשאנקשאן־קאמף פון אונזער אינטערנעשאנאל געגען דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן אין צייט פון לעצטען קלאוקמאכער גענעראל סטרייק. וואס עס ווערט געזאגט אין דעם רעפארט, וועלען מיר באריהרען א צווייטען מאל.

עס איז ווערט צו באמערקען, דאס אין דעם רעפארט צו דער קאנווענשאן ערשיינט אונזער אינטערנעשאנאל אלס די 9טע יוניאן אין דער פעדערײשאן. א מאל איז אונזער יוניאן געווען, לויט איהר צאהל מיטגלידער, די 4טע יוניאן אין

(שלוס אויף זייט 7).

די קאנפערענצען מיט די קלאוק מאנופעקטשורער אפגעלייגט פאר צוויי וואכען צייט

די קאנפערענצען צווישען די סאב־קאמיטעס פון ביידע צדדים. — פרעזידענט שלעזינגער באשטרייט די נייע פיר „רעמענדס" פון די מאנופעקטשורערס. — די קאנפערענצען וועלען פארטגעזעצט ווערען שפעטער. — א קאנפערענץ אויך מיט דער אמעריקען אסאסיאיישאן.

אין דער צייט וואס מיר געהען צום דרוק מיט דער צייטונג, מיטוואך בייטאג, האט פרעזידענט שלעזינגער באקומען אן ענטפער פון מר. מאקס לאכמאן, וויס־פרעזידענט פון דער פראטעקטיוו אסס'ן, אין בעצוג די קאנפערענצען. דער ענטפער איז, דאס די קאנפערענץ קאמיטע פון דער אסס'ן האט געמיט דינסטאג מיט דער עקז. פון דער פראטעקטיוו, אבער זיי זיינען נאך דערוויל צו קיין באשטימטעס ניט געקומען. זיי דארפען האבען נאך א מיטינג און ווידער דיסקוטירען די פראגען, ווי די קאנפערענץ קאמיטע פון דער יוניאן האבען זיי אויסגעשטעלט.

מר. לאכמאן לאזט וויסען, דאס די עקזעקוטיווע פון דער פראטעקטיוו האט גענומען אין אנבאטראכט, וואס דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל פאהרט אפ דעם מיטוואך צו זיין 1טען פערטעל־יעהרליכען מיטינג אין סינסינעטי. און אזוי ווי איינינע מיטגלידער פון דער יוניאנס־קאנפערענץ קאמיטע זיינען אויך מיטגלידער פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלען דארום די ווייטערע קאנפערענצען אפגעלייגט ווערען ביז נאך דעם מיטינג.

אבער אין דער־וועלכער צייט עפענט זיך אין סינסינעטי די קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, און אזוי ווי אין דער יוניאנ'ס קאנפערענץ קאמיטע זענען אויך דא דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, ווערען, אלזא, די ווייטערע קאנפערענצען אפגעלעגט ביז נאך דער קאנווענשאן, דאס הייסט, פאר א צוויי וואכען צייט. און עס ווערט פארשטאנען, אז דורך דער צייט, און ביז וואנען די קאנפערענצען וועלען זיך ענדיגען, בלייבען אין קראפט די אלטע ארבייטס־באדינגונגען אין די שעפער לויט דעם אלטען אגרימענט צווישען דער אסס'ן און דער יוניאן.

דער צווייטער קאנפערענץ.

דער צווייטער קאנפערענץ צווישען דער קאנפערענץ קאמיטע פון דער יוניאן און די פארשטעהער פון די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן איז פארגעקומען פארלאמאגען מיטוואך אווענט אין האטעל מארטיניק.

אונזערע לעזער געדענקען אוודאי, דאס דער ערשטער קאנפערענץ מיט א וואך פריהער, האט זיך געענדיגט מיט דעם, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט אין נאמען פון דער יוניאן איבערגעגעבען דעם

(שלוס אויף זייט 16).

בלויז איין וואך איז געבליבען צו דער עפענונג פון די יוניטי הויז

די יוניטי הויז פון אונזערע וויסט און דרעס מאכער, אין פארעסט פארק, אויף די בלויע בערג פון פענסילווייניא, עפענט זיך נעקסטען פרייטאג, דעם 16טען דזשון, מיט א פריאכטפולען, 1טע קלאסע קאנצערט. פארפעהלט נים צו זיין ביי דער עפענונג. איהר וועט זיך אמוזירען אויפ'ן שעהנסטען און בעסטען אופן. רעדזשיסטרירט זיך אין אפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סט.

די יוניטי הויז פון אונזערע ווייסטמאכער אין פילאדעלפיא אין ארווילא, עפענט זיך זונטאג, דעם 18טען דזשון. אויך דארט וועט געגעבען ווערען א פראכטפולער קאנצערט.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 23.

זייט 2. די וואך. — נ. ש.
זייט 3. די קלאוק פרעסערס יוניאן לאקאל 35. — דזש. ברעסלאו. עקזעקוטיוו באארד מיטינג לאקאל 25 — משארלס דזשייקאבסאן.
זייט 4. דריי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 22. — י. שעהנהאלץ. די דעזיינערס יוניאן לאקאל 45. — מ. גאלדראווסקי.
זייט 5. אלערליי פון שיקאגא. — ה. סקולמאן. די קאנפערענצען אין דער קלאוק אינדוסטריע און די עמברוידערערס יוניאן. — אסיפ וואלינסקי.
זייט 6. אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17. — דזש. העלער. דער קלאוקמאכער ברענטש פון דער סאציאליסטישער פארטיי. — ב. קוק. — צו די פילאדעלפיער וויסט מאכער. — ה. בערענשטיין.
זייט 7. דעמאקראטיע (הומארעסקע) — ביג בען. — א לאנגע צייט... (געדיכט) — י. ארלער.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 9. און צולעצט אביסעלע קריטיק — ש. יאנאווסקי.
זייט 10. גמליאל'ס צרות — א. זעלדין.
זייט 11. בריעף פון פוילען. — דוד מייער. קורץ און שארף. — י. ב. ג.
זייט 12. ווי צו זיין געזונד — דר. ב. דרבאווסקי. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. א וויכטיגער שאפ סטרייק אין באסטאן. שלוסען פון זייט 1.

צווייטער קאנפערענץ מיט דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן

(שלוס פון זייט 1)

קאנפערענץ נייטיג צו באריכטען, ווייל אונז נישט ארען, אז די אנדערע [illegible] טינגען ווערען עס ביי אונז אויסלאפען.

דאס איז דער דאקומענט, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט אויף דער ערשטער קאנפערענץ איבערגעגעבען צו דזשאבערס, דער פרעזידענט פון די פראטעקטיוו אסס'ן:

דער יוניאנס שטאנדפונקט.

(ערקלערונג פון דער קאנפערענץ קאמיטע.)

„דער צוועק פון דיזער קאנפערענץ צווישען אייער אסס'ן און אונזער יוניאן, איז אנצוצייכענען א פלאן פאר די באציהונגען, וואס דארפען איינגעשטעלט ווערען, צווישען די ארבייטסגעבער און די ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע, נאכדעם ווי דער איצטיגער אגרימענט וועט אויסגעהן, דעם 1טען דזשון פון דיזען יאהר.

בכדי די פארהאנדלונגען ביי דיזער קאנפערענץ זאלען זיין ערפאלגרייך איז עס זאר נעפינען ווערען א באשטימטער באזיס פאר די פארהאנדלונגען, נעמען מיר זיך די פרייהייט אייך פארצולעגען א רעזאלוציע וועגען אונזער שטעלונג.

די פראבלעמען, וואס שטעהען פאר אונז, זיינען ניט קיין נייע. עס זיינען צווישען אונז איבער זיי שוין פארגעקומען גרינדליכע דיסקוסיאנען, און מיר האבען זיי געגעבען א גענויע באטראכטונג ביי פריערע קאנפערענצען מיט מאנאטען צוריק. וואס אנבאלאנגט אונז, האט נאר ניט פאסירט, אז עס זאל פארקומען אן ענדערונג אין אונזער שטעלונג.

די באשטימטע פונקטען זיין גענויע לעצטען אגרימענט, וואס איז שייך ארבייט, ווידזשעס, שאפ-קאנדישאנס, און ווי אזוי אויסצוגלייכען סכסוכים צווישען ארבייטסגעבער און ארבייטער, און אנדערע ארראנדזשמענטס, זיינען אנגענומען געווארען פון ביידע צדדים, נאך גרינדליכע באטראכטונגען, אויספארשונגען און געמיינשאפטליכע דיסקוסיאנען איבער דער גאנצער סיטואציאן. נאך אונזער שטאנדפונקט איז עס ניט געווען קיין פאלקאמענע, אידעאלע אראנזשמענטס; אבער מיר האבען עס אנגענומען אלס א רעזולטאט פון געגענזייטיגע הנחות איינע צו די אנדערע און מיר זיינען גרייט דאס פארטזעצען אויף ווייטער. מיר אנערקענען, אז די לאגע איז איצט ניט צום גינסטיגסטען פאר אן אלגעמיינע רעוויזיע איבער די ארבייטס-באדינגונגען, וואס זאל פיהרען צו דערהויבען די באדינגונגען בלויז פאר די ארבייטער, און דערפאר קומען מיר ניט מיט נייע פארדערונגען צו אייך. פון דער אנדער זייט אבער, האלטען מיר, אז עס איז נישטא קיין שום רעכטפערטיגונג פאר א וועלכען-עס-איז פארזוך פון די מאנופעקטשורערס ארונטערצורייסען די איצט-איינגעשטעלטע ארבייטס-באדינגונגען. און מיר לאזען אייך אפענהערציג וויסען, אז מיר וועלען ניט פארבייגעהן אזא פארזוך — מיר וועלען זיך שטעלען געגען דעם.

וואך ארבייט מוז בלייבען.

די וואך-ארבייט סיסטעם, וואס איז איינגעשטעלט געווארען אין אונזער אינדוסטריע מיט דריי יאהר צוריק, מוז איין מאל פאר אלע מאל אנגענומען ווערען אלס א שטענדיגע אונפארענדערליכע ארראנזשמענט. די שטיק-ארבייט סיסטעם, וועלכע איז געווען אין דער קלאוק אינדוסטריע פאר פילע, פילע יאהרען, האט באשאפען שרעקליכע איבלען. עס האט אונטערגעגראבען דעם געזונט פון די ארבייטער. און עס איז געווען א קוואל פון ענדלאזע שטרייטיגקייטען צווישען די ארבייטער און די ארבייטסגעבער. דאס איז אפגעשאפט געווארען נאך א לאנגען קאמף אויף דער איינשטימיגער פארערונג פון די ארבייטער, און עס איז געשטיצט און ערמוטיגט געווארען פון פילע רעכט-דענקענדע ארבייטסגעבער. די ארבייטער וועלען קיינמאל ניט צושטימען צוריק אויפצולעבען דיזע שרעקליכע סיסטעם, אונטער וואס פאר א פארמע מען זאל דאס ניט וועלען אויפלעבען. צי דאס זאל זיין אונטער דער דירעקטער פארמע פון צאהלען לויט די שטיק ארבייט וואס מען מאכט; צי דאס זאל זיין אונטער דער אינדירעקטער פארמע פון האבען די ארבייט אויסגעמאסטען; צי עס זאל זיין אונטער דער פארמע פון „פריהער-געפיקסטען סטאנדארד און פראדוקשאן" — די ארבייטער וועלען קיינמאל ניט צושטימען צו דעם.

אין דער קלאוק אינדוסטריע, וואס איז אזוי שטארק אונטערווארפען אונטער סטיילס, וועלכע האלטען זיך אין בייטען פון סיזאן צו סיזאן און פון שאפ צו שאפ, קען ניט זיין אזא זאך ווי א גלייכע איינגעשטעלטע אינדוסטריעלע מאס פון ארבייט. אין די ערפאהרונג האט געצייגט, אז יעדער סארט פארזוך צו באשטימען ווידזשעס אויף א באזיס פון אזא זאגענאנטע אינדוסטריעלע מאס, האט געפיהרט צו דעם, אז די ארבייטער זאלען געטריבען ווערען צו א שרעקליכער אנשטרענגונג און יאגען זיך, וואס האט מיט זיך געבראכט די געפאהר, אז עס זאל צוריק קומען צום לעבען די אלטע סוועט-סיסטעם, וואס האט פאר א לאנגע צייט געבראכט שאנדע אויף דער אינדוסטריע.

פינקט אזוי מיזען מיר אפזאגען יעדען סארט פארשלאג וועגען פארגרעסערן די ארבייטס-שטונדען. נעמענדיג אין באטראכט די לאנגע פעריאדען פון ארבייטסלאזיגקייט אין אונזער אינדוסטריע, איז די 44 שטונדען ארבייטס-וואך זיכער צו לאנג ווי צו קורץ. די וויכטיגסטע פראבלעם פאר די ארבייטסגעבער אזוי ווי פאר די ארבייטער, איז זיכער צו געפינען יענעם וועג, וואס זאל פיהרען צו פארלענגערן די ארבייטס-סיזאנס און ניט פארלענגערן דעם סרעק — די פעריאדען פון ארבייטסלאזיגקייט. עס קומט אונז דערפאר נאטירליך אויס, אז פארלענגערן די ארבייטס-שטונדען וואלט ניט נאר ניט אויסגעבעסערט די לאגע, נאר עס נאך מעהר פארערגערט.

פאר דער זעלבער אורזאכע קען אונזער יוניאן ניט באטראכטען אויך וועלכען-עס-איז פארשלאג צו רעדוצירען די איצטיגע אנגענומענע ווידזשעס. כאטש די ווידזשעס פון די קלאוקמאכער זיינען ניט העכער פון די ווידזשעס אין אנדערע אינדוסטריען, איז אבער די צאהל פון ארבייטס-וואכען אין אונזער אינדוסטריע פיל קלענער ווי אין אנדערע אינדוסטריען. און דער יעהרליכער איינקונפט פון די ארבייטער איז אבסאלוט ניט גענוגענד אויף צו קענען דורכקומען און צו קענען אנשטענדיג לעבען לויט די סטענדארדס פון אמעריקאנער ארבייטער לעבען.

מיר האלטען אויך, אז די פונקטען פון אונזער איצטיגען קאלעקטיווען אגרימענט, וואס פארזיכערען די ארבייטער דאס רעכט איבערצוקוקען „דיסטשארדזש קייסעס", ווען מען ענטזאגט אימיצען פון דער ארבייט, און וועלכע רעגולירען אנדערע פונדאמענטאלע ארבייטס-סטענדארדס און שאפ-קאנדישאנס, זיינען דורכאויס וויכטיג און נויטיג פאר דער ווייטערער פארטזעצונג פון גערעכטע באציהונגען צווישען ארבייטס-געבער און ארבייטער. מיר גלויבען דערפאר, אז דיזע פונקטען מוזען ווידער אריינגעשטעלט ווערען אין דעם אגרימענט, וואס דארף געמאכט ווערען צווישען אונז.

אונזער יוניאן איז געגען ענדערן אירגענד וועלכע פון די אויבענדערמאנטע באדינגונגען ניט נאר דערפאר ווייל די ארבייטער קענען גלאט ניט צושטימען צו דעם, נאר דערפאר, ווייל זי איז טיעף איבערצייגט, אז אזעלכע ענדערונגען וואלטען ניט געבראכט קיין שום נוצען דער אינדוסטריע ווייט אפילו אויף א האר. די קלאוק-אינדוסטריע פון ניו יארק ליידעט ניט צוליב הויכע ווידזשעס און קורצע ארבייטס-שטונדען. דער גרעסטער איבעל אין אונזער אינדוסטריע, ווי מיר זעהען עס, ליגט אין דער עקזיסטענץ פון דער אונגעהויערער צאהל פון קליינע שעפער, איבער וועלכע עס באלעבאטעווען אונפאראנטווארטליכע קאנטראקטארס, און וועלכע האבען אזעלכע קאנדישאנס, וועלכע מאכען אוממעגליך, אז מען זאל דארטען קענען ריכטיג רעגולירען סיי די ווידזשעס, סיי די ארבייטס-שטונדען, אדער אנדערע ארבייטס-באדינגונגען.

דיזע שעפער, וועלכע מען רופט „סאשעל שעפער", אדער „קארפארייזשאן שעפער", האבען זיך גענומען דורך דעם, וואס א געוויסער קלאס מאנופעקטשורערס האבען געזוכט ביליגע פראדוקציאן און האבען עס געוואלט קריגען דורך דער „איידזשענסי" פון אזא סארט שעפער. איצטער האט דאס דערגרייכט צו אזא פונקט, אז דיזע שעפער האבען זיך איינגעגעסען ווי א קאנסער אין דער אינדוסטריע און זיי זיינען שעדליך פאר דעם ארבייטסגעבער אזוי ווי פאר דעם ארבייטער. זיי פאראורזאכען א געפעהרליכע האלדשניידענדע קאנקורענץ און דריקען אראפ ווידזשעס און אנדערע ארבייטס-סטענדארדס. דיזע שעפער געהערען געוועהנליך צו א קליינעם קאנטראקטאר, וואס האלט זיי אן מיט דער הילף פון א קליינער צאהל פריינד און משפחה. עס איז פראקטיש אוממעגליך אויסצואיבען וועלכע-עס-איז גענוגענדע קאנטראל איבער זיי זייטענס דער יוניאן. און דאס, נאטירליך, פארגרעסערט די שוועריגקייט פאר דעם „לעדזשיטימייט" מאנופעקטשורער צו קענען באגעגענען די קאנקורענץ פון דיזע שעפער.

מיר גלייבען, אז די אויפגאבע אפצושאפען דיזע איבעלען איז איצט די הויפט-אויפגאבע אין אונזער אינדוסטריע, און אונזער יוניאן וועט זיין צופרידען מיטצוהעלפען אייער אסס'ן אין יעדען שטרעבען און געזעצליכען פלאן אויף צו לייזען דאס.

ווייט עס איז איינגעשטעלט געווארען די וואך-ארבייט סיסטעם אין אונזער אינדוסטריע, האט מען קאמפליינט פון צייט צו צייט, אז מאנכע ארבייטער „סאלדזשערן אן דהי דזשאב". דער איצטיגער אגרימענט צווישען דער אסס'ן און דער יוניאן זאגט קלאר, אז אונזער יוניאן גלויבט אין דעם פרינציפ פון א „גערעכטען טאג ארבייט פאר א גערעכטען טאג פארדינסט". אונזער יוניאן האט אלע מאל גענומען דיזע פאזיציע אין האנדלען מיט בעלי בתים. די ארגאניזירטע קלאוקמאכער האבען ניט די געוואוינהייטען און ניט דעם פארלאנג צו „סאלדזשערן אן דהי דזשאב"; איך האלט ניט די יוניאן פון ערמוטיגען דאס צו טאן, אדער זאגאר צו טאלערירען אזא זאך. די יוניאן איז געגען אירגענד וועלכע מעטאדע פון טרייבען איהרע מעמבערס צו אנשטרענגונג און ארויסיאגען זיך די נשמה. אבער זי ערווארטעט, אז איהרע מעמבערס זאלען טאן זייער ארבייט ריכטיג און אימער טאן זייער פליכט.

אונזער יוניאן וועט זיין צופרידען מיטצואווירקען מיט אייער אסס'ן איינצושטעלען א ווירקזאמען טריבונאל פאר גערעכטע און שנעלע אויסגלייכונגען פון אלע קאמפליינטס, וואס ארבייטסגעבער קענען האבען געגען ארבייטער, וועלכע קומען ניט נאך דעם אויבענאנגענומענעם פרינציפ.

איבער צו לייזען דעם פראבלעם פון די „קליינע שעפער" און אפצושאפען דעם איבעל וואס זיי פאראורזאכען זאל זיך נויטיגען פאר דעם די מיטווירקונג פון דער אנדערער מאנופעקטשורערס אסס'ן אין דער אינדוסטריע, וועלען מיר זיין גרייט, צוזאמען מיט אייך, איינצולאדען זיי צו דיזער קאנפערענץ."

די שניידער שעפער אין פראנקרייך

(ספעציעל צו די „גערעכטיגקייט".)
פון דר. דזשארדזש מ. פריים.

איך האב געהאט די געלעגענהייט צו באזוכען איינציגע שעפער אין פאריז, וואו מען מאכט קליידער פאר פרויען און מענער.

דאס ערשטע וואס האט זיך מיר געווארפען אין די אויגען, איז ווי אזוי די ארבייטער זיצען אויסגעזעצט. אין איין שאפ האט איך געטראפען 30 ארבייטער זיצען אויף טישען מיט די פיס אונטער זיך, אויפ'ן טערקישען פאסאן. דאס איז גאנץ שעדליך פאר'ן געזונט פון די ארבייטער, פון אזא זיצען מוז מען באקומען א רונדע פלייצע. דאס פאראורזאכט שווינדזוכט. און ווי איך האב זיך דערוואוסט פון די אויפזעהער איבער די טובערקולאזיס קליניקס אין פאריז, זיינען דארט די מערסטע פאציענטען ארבייטער פון די שניידער שעפער.

די ווענטעלאציע אין די שעפער איז ניט נאר שלעכט און דאס רוב זיינען די שעפער ליכטיג. עס איז אבער דארט אפילו א דוך ניטא פון ריינליכקייט, אדער סאניטיישאן. וואס אנבאלאנגט וואסער צום טרינקען, צום וואשען זיך און די „טוילעטס", קומט עס גאר ניט צו די שעפער אין ניו יארק. אין פראנקרייך, ווי עס שיינט, ווייס מען בכלל גאנץ ווייניג פון „סאניטיישאן". ווארום אין די טריינס און אפילו אין די בעסטע האטעלען, פונקט אזוי גוט ווי אין די שעפער, זעהט מען נאך אלץ דעם האנטוך, וואס ראלט זיך, און מיט וועלכען אלע ווישען זיך.

ערגער פון אלץ, אבער, זיינען דארט די „טוילעטס". די מעהרסטע פון זיי האבען ניט קיין ליכט און קיין לופט, איינפאך פינסטערע גריבער. אין מאנכע שעפער זיינען די טוילעטס פאר מענער און פרויען גאר ניט אפגעזונדערט. אויף איינעם וואס איז געוואוינט צו דער אמעריקאנער סאניטיישאן מאכט עס א זעהר שלעכטען איינדרוק.

אין די קליינע שניידער שעפער אויף דעם בולווארד דע סעבאסטאפאל, וואו עס ווערען געמאכט די בעסטע קליידער, פארדינען די מענער ארבייטער, די סאמע בעסטע בעלי-מלאכות, ארום 175 פראנק א וואך. א חוץ דעם באקומען זיי א באנוס פון 25 ביז 40 פראנק א וואך. דאס פארדינען זיי אבער אזוי פיל נור אין ביזי-סיזאן; דאס איז ווייט ניט דער דורכשניטליכער פארדינסט, פון די שניידער. אין דורכשניט וואלט עס אויסגעמאכט ארום 10.000 פראנק א יאהר, וואס אזוי פיל איז דא דער געהאלט פון א מיניסטער פון דער רעגירונג.

א פעקטארי אינספעקטאר באקומט דא פון 4 ביז 8 טויזענט פראנק א יאהר.

אין די שעפער, וואס איך האב באזוכט, ווערט די ארבייט געשניטען ביים האנד, געפרעסט ווערט דארט מיט עלעקטרישע אייזענס. דאס זיינען שעפער וואו מען מאכט קליידער „צו ארדער". פאר א סוט דארטען רעכענט מען פון 35 ביז 60 דאלאר. און דאס זעלביגע איז אויך אין די שעפער וואו עס ווערען געמאכט פרויען-קליידער. אין די שעפער הערשען די זעלביגע צושטאנדען ווי אין די שעפער, וואו מען מאכט מענער-קליידער. אין די שעפער ארבייט מען 48 שטונדען א וואך, און די ווידזשעס פון די פרויען-ארבייטער זיינען קלענער ווי די פון די מענער-ארבייטער.

אין די שעפער ווייס מען ניט פון קיין זאך וועגען „ערשטער הילף" אין פאל פון אן עקסידענט, פונקט ווי מען ווייס דארט ניט פון פייער „דרילס" און נאך אנדערע זאכען, וואס מען ווייס אין די שעפער אין אמעריקע.

די אינטערעסאנטעסטע אינספעקשאן וואס איך האב דא געמאכט איז געווען אין דער פאריזער קענדי פעקטארי, וועלכע ווערט באטראכט פאר א זעהר מאדערנע פאבריק. עס ווערען דארט באשעפטיגט איבער טויזענט ארבייטער, מענער און פרויען.

דיזע פאבריק איז טאקע אן אויסנאהמע. זי געפינט זיך אין א זעלטען שעהנער געביידע. די בילדינג איז פאקטיש ניט מעהר ווי איין פלאר הויך. די גאנצע פאבריק געפינט זיך אויף דעם 1טען פלאר און דארט ווערט געטאן די גאנצע ארבייט, ווערענד די מאשינערי איז אונטען, אין בייסמענט.

דער ערשטער פלאר איז אין מיטען פאנאנדערגעטיילט דורך א קארידאר, איבער דער גאנצער לייננ, אין וועלכען עס געפינען זיך שטאלענע „לאקערס". דאס זיינען „דרעסינג רומס", פון איין זייט פאר מענער און פון דער צווייטער זייט פאר פרויען. איין גרויסער, גלעזערנער דאך באדעקט די גאנצע געביידע. עס איז דארט ליכטיג און לופטיג, וואס בעסער קאן גאר ניט זיין. די פאבריק איז באזארגט מיט די בעסטע מאשינערי און די ארבייט איז לויט אלע כללים פון „עפישענסי".

אבער קיין „ערשטע הילף" אין פאל פון אן עקסידענט האב איך אפילו אין דעם שאפ אויך ניט געפונען.

באזונדערס האט זיך אין דער פעקטארי געווארפען אין די אויגען דער פאקט, וואס דארטען זיינען באשעפטיגט אזוי פיל יונגע קינדער. לויט'ן געזעץ אין פראנקרייך מעגען קינדער ארבייטען פון 13 יאהר אן און מיט א ספעציעלער סערטיפיקייט מעגען אויך ארבייטען קינדער פון 11 יאהר. איך האב דארט געזעהן ארבייטען מיידלאך וואס שיינען צו זיין נאך אינגער, דארע, אויסגעבלייכטע, אפגעריסענע קינדער! מאנכע זיינען באשעפטיגט ביי ניט גאר קיין לייכטער ארבייט, אן ארבייט ביי וועלכער מען דארף זיך א סך אנשטריינגען..

דער סאניטארי צושטאנד אין דער פעקטארי איז גראדע א גוטער. די צימערן זיינען ריינע אבער דער „ראלינג האנטוך" איז אויך דארטען דא אין די וואשינג רומס, כאטש דאס פאסט זיך דארט נישט.

אלזא, דיזע פעקטארי צייגט, דאס אין פראנקרייך איז שוין אויך דא א טענדענץ פאר נייע, מאדערנע פעקטארי בילדינגס איינגעריכטעט און אויסגעשטאטעט לויט'ן פראגרעס פון דער צייט. דאס איז געוויס א טריט פארווערטס. ווייל וואס אנבאלאנגט די שניידער שעפער אין פראנקרייך, זיינען זיי נאך ליידער, פון דעם סארט ווי איך האב עס געשילדערט אין אנפאנג פון דעם בריף. זיי זיינען ווייט ניט אזוי ווי די מאדעל-פעקטארי, וואס איך האב דא באשריבען.

פאריז, דעם 2טען מאי, 1922.

די קלאוק פרעסערס יוניאן, לאקאל 35

דער רעפארט פון דער לעצטער קאנפערענץ פון דער אינטערנעשאנאל איז ביי אונזערע לעצטע סעקשאן מיטינגען איינשטימיג גוטגעהייסען געווארען.

עס איז ווינשענסווערטה צו באמערקען, דאס איינע פון די רעזאלוציעס, וועלכע איז איינשטימיג אנגענאמען געווארען, אויף דער קאנווענשאן, איז געווען א רעזאלוציע פון אונזער לאקאל ; פון דאס איז, אז מיר הייסען גוט די שטעלונג פון דער אינטערנעשאנאל ביז איצט, וואס קיינע פון די אלטע קאנדישאנס וואס איז איינגעקעמפט געווארען איז ניט צוריק געגעבען געווארען און אז מיר באשליסען אויך אויף ווייטער זאל די אינטערנעשאנאל אנהאלטען די זעלבע פאליסי.

ווי שוין געזאגט, איז דיזע רעזאלוציע אנגענומען געווארען איינשטימיג, און דעם קרעדיט פון אונזער לאקאל זאל דאס געזאגט ווערען, אז וועדענער פיעלע אנדערע רעלעגאציעס זיינען געווען ממש פאראינטערעסירט אין דער פראגע פון פאליסיס, איז אונזער לאקאל רעלעגאציע הויפטזעכליך געווען פאראינטערעסירט אין פראגען, וועלכע האבען א דירעקטען שייכות מיט דעם טרייד, און אין די קאנדישאנס וועלכע אונזערע מעמבערס ארבייטען און אונזער שטעלונג איז אלעמאל געווען, און איז אויך יעצט, אז פון פאליטיק מאכען אונזערע מעמבערס קיין לעבען ניט און וואס מיר דארפען זיך הויפטזעכליך פאראינטערעסירען איז מיט פראגען, וועלכע זיי קאנען האבען דירעקטע נוצען דערפון. און דיזע רעזאלוציע איז זעהר א צייטליכע, ווייל גראדע יעצט קומען פאר קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס וועלכע מאכען א נייעם אגרימענט. מיר קענען, געוועהנליך פאראויס ניט זאגען וואס דער אויסגאנג פון דיזע קאנפערענצען וועט זיין. איין זאך וואס מיר ווייסען באשטימט איז, אז דער גייסט פון דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן לאזט זיך זעהר שטארק פיהלען ביי אונזער קאנפערענץ קאמיטע. דער אויסדרוק ביי אלעמען איז : „מיר האבען ניט וואס צוגעבען". ווען די צייטען זאלען זיין בעסער וואלטען מיר נאך עפעס געדארפט פארלאנגען.

די צווייטע פראגע וואס אלע אונזערע מעמבערס דארפען יעצט וויסען איז, ווי אזוי די פראגע צווישען אונזער לאקאל און לאקאל 60, די פרעסערס פון ליידיס דרעסס און דרעס טרייד איז פארלויפיג געשליכטעט געווארען. מיר זאגען „פארלויפיג", ווייל סוף כל סוף וועט קומען די צייט אז ביידע לאקאלס וועלען זיך מוזען פאראייניגען אבער כדי ביידע לאקאלס זאלען זיך פאראייניגען איז נויטיג צוויי זאכען.

1. עס זאל עקזיסטירען דער גוטער ווילען ביי אונז און ביי זיי פאר אזא פאראייניגונג ; אז ביידע לאקאלס זאלען איינזעהן, אז עס איז אין ביידענס אינטערעסען זיך צו פאראייניגען, און דאס נישט געמאן ווערען דורך אונאנסמיטלען, און צווייטענס : דארפען די ארבייטס צושטענדע זיין אמווייניגסטען די זעלבע נישט אז ביי זיי זאל מען ארבייטען פון שטיק און ביי אונז פון וויק. און אזוי ווי קיין צוזאמענשמעלצונג האט פארלויפיג ניט געקענט פאסירען, האט די קאנווענשאן פאלגענדעס באשלאסען, — אום עס זאל קיינע רייבונגען פארלויפיג ניט פארקומען צווישען אונז : „די קאנווענשאן גלויבט אזן רעכנט זיך אוים, אז די צייט וועט באלד קומען ווען ביידע לאקאלס וועלען בילדען איין גרויסע פרעסערס יוניאן — פארלויפיג ביז דאס וועט מעגליך זיין זאל יעדער מעמבער פון יעדען פון די צוויי לאקאלס האבען דאס רעכט צו ארבייטען אין יעדען שאפ, קיין אונטערשייד נים צו ער ווערט קאנטראלירט פון אונז אדער פון זיי, אהן קיינע שטערונגען און אהן טרענספערס.

2. „קיין לאקאל האט נים דאס רעכט אריינצונעהמען א מעמבער, וועלכער האט שוין פריהער באלאנגט צום צווייטען לאקאל.

3. „בעפאר א לאקאל וועט אריינגעהמען א דרעס פרעסער זאל דער צווייטער לאקאל פריהער אינפארמירט ווערען און פרעגען צו האט ער אמאל דארט באלאנגט.

4. עס זאל עטאבלירט ווערען איין אלגעמיינע גריוואנס קאמיטע צוזאמענגעשטעלט פון מעמבערס פון ביידע לאקאלס, וועלכע וועלען טרייעלען אזוינע מעמבערס וואס וועלען אריבערטרעטען די יוניאן רולס, סיי זייערע, ארבייטענדיג אין אונזערע שעפער און סיי אונזערע, ארבייטענדיג ביי זיי. אויב די קאמיטע וועט זיך נים קענען איינינגען זאל איינער פון די וויים-פרעזידענטען דארפען ענטשיידען די קייס.

5. „יעדענס מעמבער'ס קאמפליינט זאל אטענדעט ווערען פון דעם יוניאן-אפיס וואו ער באלאנגט, קיין אונטערשייד וואו ער איז א מעמבער.

6. „א מעמבער, וועלכער באלאנגט נאך נים קיין יאהר אין זיין לאקאל זאל נאר קענען ארבייטען אין די שעפער וואס ווערען קאנטראלירט פון זיין לאקאל.

7. „א קאמיטע פון דריי פון יעדען לאקאל זאל אפוינטעט ווערען, וועלכע וועט צוזאמען מיט א וויים-פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל עקטען אלס דער טשערמאן. די קאמיטע איז פאר דעם צוועק אויפצונעהמען אלגעמיינע פראגען צווישען ביידע לאקאלס, און אויך שליכטען צוויסטיגקייטען אויב אזוינע וועלען פארקומען."

אלזא, ווי איהר זעהט, זיינען אלע פונקטען געמאכט געווארען מיט דער אבזיכט אויסצומיידען רייבונגען. לאמיר האפען אז אזוינע וועלען נים פארקומען. מיר פון אונזערע זייט וועלען אבסאלוט אלעס דורכפיהרען אין לעבען און מיר האפען, אז אויך לאקאל 60 וועט דאס טאן. מיר פארעפענטליכען דאס מיט דעם צוועק, אז אונזערע מעמבערס, וועלכע ארבייטען ביי דרעסעס זאלען דאס וויסען.

* * *

יעצט ווילען מיר אויפמערקזאם מאכען אונזערע מעמבערס אויף עפעס וועלכען מען האט האט אונז אויפמערקזאם געמאכט ; מען דערצעהלט אונז, אז אייניגע פון אונזערע מעמבערס, וועלכע האבען „אלטע קריוודעס" צום לאקאל צוליב פארשידענע אורזאכען, אייניגע דערפאר וואס מען האט זייערע עפאלעטען ארונטערגעריסען פאר זייערע „מעשים טובים", אנדערע פאר קליינע נארישע פערזענליכקייטען, טרייען צו מאכען טומעל אין אונזער לאקאל. מען געהט ארום און מען שמועסט יעדען איינעם (דאס איז זייער ארבייט, ווייל אויף בעסערס זיינען זיי נים פעהיג). מען טרייעט יעדען איינעם צו דיסקרעדיטירען און מען רעדט פון מאכען „פארבאנדס", „סאסייעטים" מען קלייבט אונטערשריפטען מיט אדרעסען מען דערצעהלט פארשידענע גליקען — מיט איינעם ווארט, מען טרייעט מאכען א טומעל.

מיר ערקלערען אונזערע מעמבערס, דאס דיזע פאר אינטריגאנטען אינזשענירען מיר אין גאנצען. מיר ווייסען זייער אבזיכט, מיר ווייסען אויך, אז קיינער פון אונזערע מעמבערס נעהמט זיי נים ערנסט. מיר ווילען זיך פשוט נים באדערען מיט זיי, אז נים וואלטען מיר זיי גערופען צו פאראנטווארטליכקייט. מיר אפעלירען צו אונזערע מעמבערס ; ווייכט פון דיזע אינטריגאנטען ; מאכט זיי פיהלען, אז זיי זיינען נים אין ריכטיגען פלאץ. ערקלעהרט זיי אז קיינע טומעל וועט ביי אונז נים געדולדעט ווערען. אזוינע חברה-לייט האבען מיר שוין געהאט גענוג אין דער געשיכטע פון אונזער לאקאל. מיר זיינען ביז יעצט פון אלע פטור געווארען און מיר וועלען פטור ווערען אויך פון אייך.

* * *

אונזערע נעקסטע סעקשאן מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען ווי פאלגט : שבת, דושון דעם 10טען, וועלען מיטען די בראנזווילער פרעסערס, אין לייבאר לייסעאום. די ניו יארקער וועלען מיטען מאנטאג, דעם 12טען דושון אין „פארווערטס" האל.

דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.

פרעזענטירען דעם שאפ-טשערמאן.

מיר די ארבייטער פון גאלדבערג און אייזען שאפ, 118 וועסט 22טע סטריט, פארזאמעלט ביי איין שאפ-מיטינג אונטער דעם פארזיץ פון אונזער ביזנעס איידזשענט, ברודער קעסטען, דריקען אוים אונזער פולען צוטרויען צום שאפ-טשערמאן, ברודער אהרן קראוועץ, און מיר פרעזענטירען איהם מיט א שעהנעם פרעזענט. מיר האפען, אז ער וועט ווייטער פארטזעצען זיין ארבייט צום וואהל אם בעסטען פאר'ן שאפ, ווי ביז איצט.

די רעזאלוציאנס קאמיטע :
סעם בערגער
ה. ראזענמאן
סעם שולמאן
אייבראם מאנדעל

עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון לאקאל 25

א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון די ווייסטמאכערס יוניאן, לאקאל 25, איז אפגעהאלטען געווארען דעם 18טען מאי, אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון דארא לייט.

עס ווערען אויפגענומען פארשידענע צושריפטען און עס ווערט געהאנדעלט וועגען זיי.

די ספעציעלע קאמיטע וואס איז ערוועהלט געווארען אויסצוארבייטען א פלאן וועגען מאכען געוויסע ענדערונגען אין פינאנץ דעפארטמענט ברענגט אר'ן איהר באריכט און דערזעלבער ווערט נאך א גרינדליכער דיסקוסיע גוט געהייסען.

עס ווערט דאן פארהאנדעלט וועגען דעם קומענדען גענעראל מעמבער מיטינג וואס דארף פארקומען דעם ערשטען יוני, און עס ווערט באשלאסען אז ביי דיזען מיטינג זאל אפגעגעבען ווערען א באריכט פון דער קאנווענשאן, אויך זאל פארקומען נאמיניישאנס פאר עקזעקוטיוו באארד, סעקרעטער-טרעזשורער און אויך א ביזנעס-איידזשענט. עס ווערט אויך ערוועהלט א ספעציעלע קאמיטע מיט דעם צוועק אז זיי זאלען אויסזוכען און רעקאמענדירען פאסענדע קאנדידאטען פאר די עמטער פון סעקרעטער-טרעזשורער און ביזנעס-איידזשענט. עס ווערט אויך באשלאסען אז אין פאל דער קאמיטע וועט ניט געלינגען צו קריגען די פאסענדע קאנדידאטען ביז דעם ערשטען יוני, דאן זאל ווערען אפגעהאלטען א צווייטער נאמינייישאן מיטינג דעם אכטען יוני, און דאס ג'יט געבען דער קאמיטע גענוג צייט און געלעגענהייט נאכזוכען די פאסענדע קאנדידאטען. עס ווערט דערביי פארשטאנען, אז אין פאל עס וועט נויטיג זיין צו רופען א צווייטען נאמינייישאן מיטינג דאן זאלען די וואהלען פארקומען דעם 15טען יוני אנשטאט דעם 8טען, ווי עס איז געווען באשלאסען צום ערשטען.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען,
מיט גרוס,
טשארלס דזשייקאבסאן, סעק.

פרעגט פאטימא-סמאוקערס
- זיי וועלען אייך זאגען

FATIMA
ציגארעטס

אמת, זיי קאסטען מעהר ווי
די אנדערע טירקיש-בלענד ציגארעטס, אבער
קויפט א פעקעדזש היינט און פרובירט זיי,
וועט איהר וויסען דעם אונטערשייד!

Liggett & Myers Tobacco Co.

די וואך

פון ג. ש.

„אמבאסאדאר" באכמעטיעוו גיט אויף זיין דזשאב.

פיער און א האלב יאהר, נאכדעם ווי די קערענסקי׳ רעגירונג אין רוסלאנד איז אונטערגעגאנגען, האט איהר „אמבאסא־דאר" בארים באכמעטיעוו, זיך ארומ־געזעהן, אז עס איז גלייכער פאר איהם אויפצוגעבן זיין דזשאב. עס איז ניט געקומען פון זיין אייגענעם ווילען, פאר־שטעהט זיך. דער סטייט דעפארטמענט אין וואשינגטאן האט אלץ מעהר אנגע־הויבען צו פיהלען, אז די פארהאנדלונגען מיט א פארטרעטער פון א רעגירונג, וועלכע איז שוין זייט יאהרען טויט, קען זיין אפשר א פאסענדע אונטערהאלטונג פאר ספיריטואליסטען, וועלכע האנדלען מיט גייסטער, אבער ניט פאר א גע־שעפטסמעסיגער רעגירונג. די לאגע איז ניט נאר געווען לעכערליך, נאר אויך זעהר אומאנגענעהם, ווייל עס איז געווען א פראגע וואו 187 מיליאן דאלאר זיינען פארמישט.

לעצטען זונטאג האט סעקרעטאר יוהז ארויסגעגעבען צו דער פרעסע די קארעס־פאנדענץ צווישען „אמבאסאדאר" באכ־מעטיעוו און דעם סטייט דעפארטמענט, וואו עס ווערט באקאנט, אז דעם 30טען פון דעם מאנאט וועט זיך ענדיגען די דיפלאמאטישע, אדער וואס עס וואלט געווען ריכטיגער אנצורופען ספיריטואא־ליסטישע באציהונגען צווישען דעם גייסט פון דער פארשטארבענער קערענסקי־רע־גירונג און דער אמעריקאנער רעגירונג. דעם זעלבען טאג וועט באכמעטיעוו ווע־רען אויס אמבאסאדאר און וועט ווערען א פריוואטער מענש. דערווייל וועט ער זיך דורכפאהרען אין איירא<0x05E4>א, וואו ער וועט זיך טרעפען מיט די פארטרע־טער פון די גייסטער פון ניקאלאי, קע־רענסקי א. אז. וו., און אין א פאר מא־נאטען וועט ער זיך צוריקקערען אין אמע־ריקא. איינגאנצען, פונדעסטוועגען, האט אונזער רעגירונג ניט אויפגעגעבען די באציהונגען מיט באכמעטיעוו׳ן. איינער פון זיינע לעיטענאנטען וועט אנפיהרען זיינע געשעפטען מיט׳ן סטייט דעפארט־מענט, וואס אנבאלאנגט די אייגענטום, וואס רוסלאנד באזיצט אין אמעריקא. דער פארטרעטער וועט אבער ניט האבען קיין רעכט צו פארהאנדלען פאליטישע פרא־גען.

סענאטאר באראה האט מיט א פאר וואכען צוריק אין סענאט אנגעפאנגען אן אונטערזוכונג ; וועגען די מעשים פון באנדיט סעמיאנאוו אין סיביר. ער האט דערביי אויפגעפאדערט, אז באכמעטיעוו זאל דערצעהלען וואס ער ווייס וועגען דעם ענין. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז באכמעטיעוו איז נאך אלץ א רוסישער „אמבאסאדאר". סענאטאר באראה האט געפאדערט א רעכנונג פון די 187 מיליאן דאלאר, וואס אמעריקא האט אנטליהען רוסלאנד אין דער צייט פון קערענסקי׳ס רעגירונג. ער האט דערביי אויפגעדעקט פאקטען, וועלכע האבען גע־שטעלט דער אמעריקאנער רעגירונג, ניט רעדענדיג שוין פון באכמעטיעוו׳ן, אין אזא אומאנגענעמער לאגע. די געלד, האט סענאטאר באראה באוויזען, איז פארשווענדעט געווארען אויף קאנטער־רע־וואלוציאנערע צוועקען, ווי אויך אויף די פערזענליכע ספעקולאציעס אין ריעל עס־טייט, מיט וועלכע „אמבאסאדאר" באכ־מעטיעוו האט זיך לעצטענס פארנומען.

מען האט באכמעטיעוו׳ן געמוזט גע־בען א דיפלאמאטישען וואונק, און ער האט געשריבען א בריוועל צו סעקרעטאר יוהז, לויבענדיג דער אמעריקאנער רעגי־רונג פאר איהר „טיפער פארשטענדניס" פון רוסישע בעדערפניסען. אבער ער שלאגט פאר, אז עס וואלט געווען גליי־כער פאר אלעמען, אז זיין דזשאב אלס אמבאסאדאר זאל זיך ענדיגען. סעקרע־טאר יוהז האט גלייך געענטפערט, אז ער נעמט אן באכמעטיעוו׳ס פארלאנג און אז דעם 30טען דזשון ענדיגט זיך זיין דזשאב.

סעקרעטאר יוהז האט דערביי קלאר געמאכט, אז דאס מיינט ניט, אז די שטע־לונג פון דער אמעריקאנער רעגירונג צו דער סאוועט־רעגירונג האט זיך געענ־דערט. ער פארזיכערט אונז, אז ניין. דאס מיינט נאר, אז דער סטייט דע־פארטמענט האט זיך איבערצייגט, אז די קערענסקי־רעגירונג איז טויט. דאס מיינט, אז די „ווייסע האפנונגען" זיינען אינגאנצען אויפגעגעבען געווארען, דער־ווייל צום ווייניגסטענס.

ווען דער באכמעטיעוו־אינצידענט איז באקאנט געווארען, האט זיך משה׳לע רעכט, דער באקאנטער אמעריקאנער קא־יער, וואס איז געווען פארבונדען מיט דער סאוועטען־ביורא ווען לודוויג מארטענס איז דא געווען, זיך אומגעקערט פון א רייזע אין רוסלאנד, מיט קרעדענשעלס אלס געזעצליכער פארשטעהער פון דער סאוועט־רעגירונג אין אמעריקא. מיט באכמעטיעוו׳ן אראפ פון וועג, וועט רעכט פרובירען פארצובריינגען זיינע קרעדענשעלס פאר דעם סטייט דעפארט־מענט. צי עס וועט איהם געלינגען צו קריגען אנערקענונג אין נאהענטער צו־קונפט איז צווייפעלהאפט. נאר אן אוי־סערגעוועהנליכע געשעהענים קען טרייבען צו בייטען די איינגע׳עקשנ׳טע שטע־לונג פון דער אמעריקאנער רעגירונג צו רוסלאנד.

דער זיג פון פואנקארע אין האאג.

לעצטען פרייטאג איז פארגעקומען א שטורמישע זיצונג אין פראנצויזישען פארלאמענט איבער דער שטעלונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג צו דער גע־נוא קאנפערענץ, און דערהויפט צו רוס־לאנד. די אויפרעגונג איז געווען אזוי גרויס, אז די דעפוטאטען פון ביידע צדדים האבען זיך געווארפען איינע אויף די אנדערע מיט פארדריקטע פויסטען, און ווען ניט די אריינמישונג פון דער פאלי־ציי, וואלט געקומען צו אן אפענער שלאכט. די סאציאליסטישע דעפוטא־טען זיינען געווארען אויפגערעגט, ווען דער פרעמיער האט מיט נצחון פארגע־לייענט א טעלעגראמע פון רוסלאנד, אין וועלכער עס ווערט געזאגט, אז „א גרוי־סע טייל פון דער רוסישער באפעלקע־רונג זיינען אזוי ווילד פון די הונגער־ליידען, אז זיי עסען אויף די קערפערס פון טויטע קינדער". דערמיט האט פו־אנקארע געוואלט באווייזען, אז די סא־וועט־רעגירונג איז ניט אימשטאנד צו דיקטירען באדינגונגען צו די אנדערע מדינות. די סאציאליסטישע דעפוטא־טען זיינען אויפגעשפרונגען פון זייערע [?]טער און האבען מיט ענטריסטונג אויפגעווארפען דעם פרעמיער זיין גראבע ברוטאליטעט פון דערלעבען זיך א נקמה אן דעם ליידענדען רוסישען פאלק. זיי האבען איהם באלד דערמאנט אמעריקא, וועלכע פאלגט נאך די זעלבע פאליטיק בנוגע דער סאוועט־רעגירונג, אבער וועל־כע העלפט די הונגער־ליידענדע פון רוס־לאנד. ווען עס איז אבער געקומען צום שטימען איבער דער ברוטאלער פאליסי, האט פואנקארע געקראגען 484 שטימען געגען 100. די אומגעהייער גרויסע מא־יאריטעט ווייזט, אז אין פארלאמענט, צום ווייניגסטענס האט פואנקארע די אויבערהאנט.

זייענדיג זיכער מיט דעם פארלא־מענט, האט פואנקארע געשיקט א נאטע צו די עליים־רעגירונגען און צו אמעריקא, אז רוסלאנד זאל צוריקציהען איהר ענט־פער אויף דער גענוא קאנפערענץ, נאך איידער זי שיקט די עקספערטען אין האאג, אנדערש וועט פראנקרייך ניט בא־טייליגען זיך אין דער קומענדער קאנ־פערענץ. דאס מיינט, אז רוסלאנד זאל איינגעהן אומצוקערען דאס אייגענטום פון אויסלענדישע אייגענטימער און געבען גאראנטיעס פאר די אלטע שולדען. רוס־לאנד זאל אבער אין דער צייט אויפגעבען איהר געגען־פאדערונגען פון שאדען־ער־זאץ פון די הזקות, וואס די קאנטער־רע־וואלוציאנערע באנדעס האבען פאראור־זאכט. פראנקרייך וויל אויך, אז אין ד[ער] [הא]אג זאל מען זיך ניט פארנעמען מיט פאליטישע פראגען. זי וויל קריגען איהרע חובות און קאנצעסיעס, און אויסמיידען פאליטישע אנערקענונג פון דער סאוועט־רעגירונג. פראנקרייך איז אויך געגען וועלכע עס איז הלואה צו רוסלאנד. אין אנדערע ווערטער, פראנק־רייך איז איצט מעהר אנטשלאסען ווי ווען עס איז בעפאר ניט צו דערלאזען צו קיינע אפמאכען מיט רוסלאנד.

פרעזידענט הארדינג און דער דאהערטי־סקאנדאל.

פרעזידענט הארדינג איז ארויסגעקו־מען פאר זיין אטוירני־דזשענעראל דא־הערטי ! אין א געשפרעך, וואס ער האט לעצטען פרייטאג געהאט מיט צייטונגס־קארעספאנדענטען, האט ער שטארק אנ־געגריפען דעם קאמפיין געגען דאהערטי, און די קאנגרעסלייט און סענאטארען, וועלכע האבען געבראכט אין דער עפענט־ליכקייט דעם מארס־סקאנדאל, און וועל־כע פאדערען אן אונטערזוכונג פון אטויר־ני־דזשענעראל, האט ער פארדאמט אלס באנדיטען און פאליטישע מוסרים. נאך מעהר, דער פרעזידענט האט פארגעשלא־גען א מין סארט פרייוויליגע צענזור, אז די פרעסע זאל ניט געבען פלאץ פאר־פובליסיטי, פאר אטאקעס אדער סתם קריטיק פאר אזוינע פערזענליכקייטען ווי דאהערטי.

פון דער רעזאלוציע צו אונטערזוכען דעם דאהערטי־סקאנדאל, וואס איז אריינגעבראכט געווארען אין קאנגרעס, איז גארנישט געווארען. עס איז געווען בלויז א פאליטישער קאמף צווישען דער אדמיניסטראציע און איהרע געגנער, וועלכע זיינען מייסטענס דעמאקראטען, און אזוי ווי די אדמיניסטראציע האט א ריזיגע מאיאריטעט אין קאנגרעס, האט מען די רעזאלוציע נאך געבראכען אין דער קאמיטע. דאס מיינט, אז דאהערטי האט געקראגען דעם צוטרויאונג פון קאנגרעס אלס אטוירני־דזשענעראל. נאכדעם ווי ער איז ארויס זיגרייך אין קאנגרעס, איז דער פרעזידענט אליין ארויס מיט א שארפער אטאקע געגען זיי־נע געגנער און פאר א צענזור, וועלכע זאל באשיצען זיין אדמיניסטראציע. דאס האט ארויסגערופען א כוואליע פון ביי־סענדע קריטיק געגען דעם פרעזידענט אליין. ביז אהער האט זיך די פרעסע און די געגנער אין קאנגרעס פארהאלטען גאנץ מילד צום פרעזידענט. די גאנצע ביטערקייט געגען פרעזידענט האט איצט גענומען א מעגליכקייט ארויסגעדריקט צו ווערען. סענאטאר סטענלי, א דעמא־קראט, איז ארויס מיט א שארפע רעדע אין סענאט, וואו ער האט געווארנט דאס לאנד, אז פרעזידענט הארדינג וויל אונטערגראבען ; די קאנסטיטוציאנעלע רעכט פון פרייע פרעסע און רעדע, אז פרעזידענט הארדינג, אקוראט ווי דער אמאליגער ווילהעלם אין דייטשלאנד, וויל אטאקראטיש דיקטירען די פרעסע פון לאנד, אז פרעזידענט הארדינג זוכט צו פארבאהאלטען, די שענדליכע מעשים פון זיין מיניסטער. און דער סענאטאר דערמאנט ווידער אמאל, אז די פרייע אמעריקא איז ניט די אמאליגע דייטש־לאנד, און אזוי ווייטער. די פרעסע, ניט נאר די דעמאקראטישע, נאר אויך די רע־פובליקאנישע חזר׳ט איבער די ווערטער פון דעם סענאטאר. דיפרייע פרעסע איז אין געפאר ! עס איז אינטערעסאנט צו דערמאנען זיך, אז דער סענאטאר און די פרעסע, וועלכע ליארעמען איצט פאר פרייע פרעסע, האבען א ווארט ניט דער־מאנט, ווען מען האט אונטערדריקט סא־ציאליסטישע און ארבייטער־צייטונגען, ווען מען האט הונדערטער פארשפארט אין די פריזאנס פאר „פרייע רעדע". און זיי ווייסען געוויס, אז פילע זיינען נאך אויך איצט אין די פריזאנס פאר דעם „פארברעכען".

אטוירני־דזשענעראל דאהערטי פאלט ביי זיך ניט אראפ, און ער איז בא־שלאסען צו ווייזען דער קאונטרי וואס ער קען טאן. ער האט צום ערשטען אפגע־דונגען אן אפיס פון 40 צימערען אין איי־נע פון די גרעסטע געביידעס אין וואשינג־טאן, ער האט מאביליזירט אן ארמיי פון לאיערס, אקאונטענטס און פארשידענע אנדערע אונטערזוכער און, האט אנגעפאנ־גען א „גרינדליכע" אונטערזוכונג פון די פראפיטירער אין דער צייט פון קריג. עס וועט ניט נאר זיין אן אונטערזוכונג, נאר אויך א פארפאלגונג פון די שולדיגע. דאס איז דער ענטפער פון דאהערטי אויף די באשולדיגונגען פון די דעמאקרא־טען. עס איז א נייער ביישפיל, ווי די הערשענדע קלאסען שיטען זאמד אין די אויגען פון פאלק מיט איין האנד, און מיט דער אנדערע ראבעווען זיי.

א קאמיסיע צו שליכטען דעם קוילען סטרייק.

די הארטע קוילען־מאגנאטען האבען פארגעשלאגען צו די יונייטעד מיין וואר־קערס איבערצוגעבען זייער סכסוך צו א קאמיסיע, וועלכע זאל באשטימט ווערען פון פרעזידענט הארדינג און וועמעס ענטשיידונג מוז אנגענומען ווערען פון ביידע צדדים. די קאמיסיע זאל, פאר־שטעהט זיך, באשטעהן פון פארשטעהער פון די אייגענטימער, מיינער און דאס פובליקום. פיליפ מארי, וויס פרעזי־דענט פון די מיינערס יוניאן, וועלכער האט פארהאנדעלט מיט די פארשטעהער פון די הארטע קוילען קאמפאניעס, האט צוגעזאגט איבערצוגעבען דעם פארלאנג פאר אן אלגעמיינע דיסקוסיאן פון דער סטרייק־קאמיטע פון די מיינערס, וועל־כע האט א קאנפערענץ אין הייזעלטאן, פענסילוואניא, די וואך.

פיליפ מארי און די אנדערע פאר־שטעהער פון די מיינערס יוניאן זיינען ניט ענטוזיאסטיש פאר דעם פלאן פון א קאמיסיע. זיי ווייסען וואס די רעגי־רונג׳ס קאמיסיעס טוען פאר די ארביי־טער. נאר מיט איין וואך צוריק האט די די ריילוויי לייבאר באארד געשניטען די וויידזשעס פון 400,000 אייזענבאהן־אר־בייטער. די קוילען־קאמיסיע, וואס פרע־זידענט ווילסאן האט באשטימט מיט צוויי יאהר צוריק, האט ניט ארויסגעבראכט אן ענטשיידונג, וואס זאל פארבעסערען די ארבייטערס לאגע. די פארשטעהער פון פובליקום געהן אלע מאל האנט אין האנט מיט די פארשטעהער פון די באלע־באטים, און די ארבייטער האבען קיין אויסזיכט אויף צו געווינען. דערפאר זיינען די ארבייטער געגען אזא קאמיסיע און דערפאר זיינען די קוילען־מאגנאטען פאר אזא קאמיסיע.

די פראגע וועט אויפגענומען ווערען ביי דער יוניאן סקייל־קאמיטע דעם 8טען דזשון. און אויב זיי וועלען באשליסען יא אנצונעמען, וועט פרעזידענט הארדינג באשטימען א קאמיסיע צו אונטער־זוכען און ארויסצוגעבען אן ענטשיידונג וועגען דעם וויידזש־סכסוך. אויב די מיי־נערס וועלען זיך אפזאגען פון אזא קאמי־סיע, וועלען די קוילען־מאגנאטען, די פרעסע און די רעגירונג ארויס מיט א קא־ראול, אז די מיינערס זיינען געגען פארמיט־לען זייערע קריוודעס, אז זיי זיינען פאר קריג א. אז. וו. אויב זיי וועלען איינ־שטימען אויף דעם פלאן, זיינען זיי זי־כער, אז דאס בעסטע, וואס זיי קענען ער־ווארטען, איז א פשרה, וואס וועט ניט לייזען זייער פראבלעם. אין רעגירונגס קרייזען איז מען זעהר צופרידען, וואס די קוילען־מאגנאטען זיינען געפאלען אויף אזא איינפאל פון א קאמיסיע. דאס מיינט, אז די רעגירונג וועט האבען א טשאנס עפעס צו טאן פאר דער קאונטרי, קאמפיין שטאף פאר די נעקסטע וואהלען.

די קאנפערענץ פון די אייזענבאהן יוניאנס אין סינסינעטי.

ווען די שורות ווערען געשריבען, איז נאך ניט באוואוסט די רעזולטאטען פון דער קאנפערענץ פון די פיהרער פון פאר־שידענע אייזענבאהן־יוניאנס, וועלכע איז די וואך אפגעהאלטען געווארען אין סינסינעטי. נאכדעם ווי די פעדעראלע קאורטס האבען ערקלערט, אז די באשלי־סע פון די ריילוויי לייבאר באארד צו שניידען די וויידזשעס פון די ארבייטער קענען פון זיי ניט געענדערט ווערען, הא־בען די פיהרער פון די פארשידענע איי־זענבאהן־יוניאנס און פון דעם אייזענ־באהן־דעפארטמענט פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר זיך גענומען ענערגיש אויסצוארבייטען פלענער פאר אן אייזענבאהן סטרייק איבער׳ן גאנצען לאנד, אלס פראטעסט געגען דאס שניי־דען פון וויידזשעס, וועלכער געהט אריין אין קראפט דעם 1טען דזשולי. ביי דער קאנפערענץ אין סינסינעטי געפינען זיך פארטרעטער פון א האלבען מיליאן אייזענ־באהן שאפ־ארבייטער, וועלכע באלאנגען צו דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, און א האלבער מיליאן פראסטע ארבייטער, וועלכע זיינען ארגאניזירט אין דער אינטערנעשאנאל בראדערהוד פון אייזענבאהן אנגעשטעלטע. אויב עס זאל באשלאסען ווערען א סטרייק, וועט ער גערופען ווערען פאר דעם 5טען אוי־גוסט.

די ריילוויי לייבאר באארד וועט די־טעג ארויסגעבען אן אנדער ענטשיידונג, וועלכע וועט שניידען 50 מיליאן דאלאר א יאהר פון די וויידזשעס פון די ארביי־טער וואס באלאנגען צו דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר. ווי אין די פריהערדיגע ענטשיידונגען פון דער באארד וועלען די ארבייטער פארטרעטער ארויס מיט א פראטעסט, אבער דאס וועט ניט ענדערען דעם באשלוס פון דער באארד אלס א גאנצע. די קאנפערענץ אין סינסינעטי איז ניט באקאנט מיט דעם. אבער וואס פאר א באשלוס זיי וועלען אננעמען איז ניט זיכער. די לא־גע פאר א סטרייק איז אומגינסטיג, און די ארבייטער פארשטעהער זיינען קיין מאל ניט געווען ענטוזיאסטיש פאר א סטרייק. אפילו ווען א סטרייק באלאט איז מיט א יאהר צוריק ארויסגעשיקט געווארען און איבער 94 פראצענט פון די ארבייטער האבען געשטימט פאר א סטרייק, האבען דאך די בראדערהודס אין דער לעצטער מינוט צוריקגערופען דעם ארדער פאר א סטרייק. דער הויפט נאך איצט. ווי עס ווייזט אויס, וועלען זיך די אייזענבאהן־ארבייטער פארשטעהער מוזען צופרידענשטעלען איצט מיט א פראטעסט.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Ma[nager]
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IV. No. 23. — New York, Friday, June 9, 19[22]
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 110 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

אלערליי פון שיקאגא

פון ת. סקולמאן

אויף אן איינגעבויגענעם בוים שפרינגען ציגען, דאס איז אן אל־טער שפריכווארט. אויב עס זיינען דא צרות אין דער אינדוסטריע, זיינען „נא־טירליך" שולדיג אין דעם די ארבייטער. אויב קלאוקס און אלע אנדערע מלבושים זיינען בראנד טייער, איז דאס ניט קיי־נעמס שולד, נאר דעם ארבייטערס, וועל־כער ווערט פשוט „נתעשר" פון דער ניי גאדרענער פרנסה, פון די זאגענאנטע קלאוקמאכעריי. און עס איז דאך א כלל גדול, אז אויב אימיצער לעקט פון א פעטען ביינדעל אן א געוויסען ארטיקעל, מוז דאך דער דאזיגער פראדוקט זיין אזוי טייער, אז דער געוועהנליכער ביר־גער קען זיך צו דעם ניט צורירען, און, פאלגליך, קויפט מען ניט קיין קלאוקס, און דערפאר איז ניטא קיין ארבייט. אי, אז עס איז קיין ארבייט ניטא, פאר־דינט מען דאך ניט, און אז מען פאר־דינט ניט, איז דאך ניטא וואס צו עסען, און מען קען קיין „לעבען ניט מאכען", און פון נתעשר ווערען קען דאך קיין רייד ניט זיין? נו, בלייבט א קשיה... די הויפט זאך איז, אז אימיצער דארף דאך זיין שולדיג, און ווער קען נאך זיין א בעסע־רער שעיר המשתלח ווי דער ארבייטער? אבער דער געוועהנליכער בעל מלאכה וויל ניט און קען זיך ניט טרייסטען דער־מיט, אז ער איז שולדיג, ווען ער ווייסט פון זיך אין הארצען, אז ער איז ממש ניט שולדיג, און שולדיג מוז דאך אימיצער זיין. און אזוי ווי עס האט זיך שוין צוגעגעסען אלע מאל צו באשולדי־גען די באסעס, באשולדיגט מען די אר־גאניזאציע.

די איבערגעבענהייט אדער ניט אי־בערגעבענהייט פון די באמטע, מען בו־רעט, און מען טומלט, און מען באשול־דיגט דעם איינענעם טאטע־מאמע, און כל עבודה זרות און מען קומט צום שלום, אז אלעס, וואס איז נויטיג צו טאן, איז ארויסווארפען דעם אדער יענעם יוניאן „ביוראקראט", אדער אז די עקזע־קוטיווע דארף ערוועהלט ווערען לויט אזא אדער אן אנדער מוסטער, וועלכע איז צוגעשניטען פון דעם אדער יענעם רב חבר'ל, אדער סתם למד־וואווניק.

אט אזוי האבען מיר זיך מיט אמאל ארומגעזעהען, אז שולדיג אין אלע אונזערע צרות איז די גלייכע פארטרעטערשאפט אין די דזשאינט באארדס, און די אומ־גלייכע רעפרעזענטאציע צו אונזערע נא־ציאנאלע קאנווענשאנס, אדער, אז איהר ווילט, ליגט נאר די צרה אין דעם, וואס די עקזעקוטיוו באארדס ווערען יעצט ערוועהלט פון דער ברייטער מעמבערשיפ און דארפען האבען ווי גערארפט ער־וועהלט ווערען דורך עלעקטארס (שאפ רעלעגאטען), וועהרענד אינטערנאציאנא־לע באאמטע וואלטען גערארפט ער־וועהלט ווערען דווקא דורך א רעפערענ־דום, און ניט דורך עלעקטארס (רעלעגא־טען צו דער קאנווענשאן). מען רעדט אפילו אויך, אז עס וואלט נויטיג גע־ווען צו איינפיהרען א שטיקעל סיסטעם, אין אונזער משוגענעם טרייד־לעבען, מיט דעם וואס מען דארף עטאבלירען אר־בייטס־ביוראס, וועלכע זאלען קאנטרא־לירען מעהר אדער ווענינער די ארבייטס־קראפט, אז זי זאל ניט פארשאכערט ווע־רען אויף אזא בילינען אופן. מען דער־מאנט אויך א ווארט ווענען דעם, אז מען וואלט גערארפט איינפיהרען ארבייטס־לאזען בענעפיט פאר די, וואס שליאען זיך ארום איבער די גאסען מאנאטען לאנג אהן ארבייט. אבער דיזע לעצטע צוויי רעפארמען זיינען בשום אופן ניט אזוי פאפולער, ווי די פריהער אויסגערעכענטע רפואות, פשוט דערפאר, ווייל אין די לעצטע צוויי פעהלט איינגאנצען, אזוי צו זאגען, מענשליכער עלעמענט, עס איז ניטא וועמען צו אטאקירען, מען דארף צוליב דעם קיינעם ניט ארויסווארפען אדער ארייננווארפען, מען קען ניט דעם אדער יענעם אין עפעס באשולדיגען, דערפאר ווייל עס עקזיסטירט נאך ניט אזעלכעס. כאטש עס איז זיכער, אז אויך דיזע אמת נוצליכע, אהן צווייפעל כמעט דאס איינציגע, וואס עס קען געטאן ווע־רען, וועט קריטיקירט און באקעמפט ווע־רען אט מאקי פון די זעלבע מענשען, אזוי שנעל ווי א פארזוך וועט געמאכט ווערען דאס זעלבע צו עטאבלירען, ווייל גרינדענדיג א לייבאר ביורא אדער אן ארבייטסלאזען פאנד, מיינט אנצושטע־לען איינעם אדער מעהרערע פערזאנען דאס זעלבע צו פארוואלטען, און אזוי ווי נים אלע קענען דאס ארמיניסטרירען, וועט דאס דאך מוזען געטאן ווערען פון איינעם אדער עטליכע מענשען, טא ווי אזוי קען מען זיין זיכער, אז די מענ־שען וועלען דאס טאן אויף א ריכטיגען אופן, און זיי וועלען ניט דיסקרימינירען דעם אדער יענעם ברודער, דיזע אדער א צווייטע שוועסטער.

זעהט איהר, ווען מען וואלט נעקענט ערפינדען א מיטעל, אז א יוניאן זאל קענען געפיהרט ווערען אהן באסטע, איבערהויפט אהן באצאלטע באסטע, אט דאמאלסט וואלט דאס געווען א בי־סעל גוט!... אמתוגעסגענט וואלט דאס שוין געווען גוט אויך אזוי פיל, אז די בעל מלאכות וואלטען פיליכט זיך דערוואוסט, אז מיט שעהנע, געוואשענע פראזען קען מען קיין ארבייט אין קלאוק־טרייד ניט ברענגען, און אז מיט סתם שרייען „כאפט א גנב" וועט מען די אר־בייטסלאזיגקייט ניט לייזען.

אבער דערווייל איז ניט גוט, יא פראזען, ניט פראזען, יא באסטע, ניט באסטע, אונזערע מענשען געהן ארום לעדיג און זיינען אויף גרויסע צרות. באלד דארף מען מאכען א נייעם אגרי־מענט מיט די קלאוק־באסעס פון גאנצען לאנד, און איך וואלט געוואונשען, צו די שרעק־ליכע צרות פונ'ם אלץ גרעסערן און לענ־גערען סלעק אין אונזער אינדוסטריע וועלען גענומען ווערען אין אנבאטראכט. די יוניאן וועט נאטירליך פארדערען א לייזונג פון דעם. וואס אבער די באסעס וועלען אויף דעם זאגען, דאס בלייבט איבער צו זעהן.

* * *

אז איך זאל זיך גראדע אפגעבען מיט סאניטאריומס און בענעפיטס, איז בלויז נאך א באשטעטיגונג, אז אונזער לעבען איז פול מיט ווידערשפרוכע. איך בין, למשל, אימער געווען א רם שונא פון מאטעמאטיקס, און דערפאר, חפנים, בין איך דווקא א סעקרעטאר, וועלכענ'ס הויפט ארבייט איז זיך אפצוגעבען מיט ציפערען... אבער ווי די זאך זאל ניט זיין, עס איז געפאלען אויף מיין מזל צו זיין פאר די לעצטע עטליכע קאנווענ־שאנס דער טשערמאן פון דער אזוי גע־רופענער „סאניטאריום און בענעפיט קאמיטע", דאס הייסט דער מיניסטער אדער קאמיסאר פון „פאלקס געזונד־הייט", אדער, אין צייט פון שלאכט, דער הויפט פון דעם „רעד קראס", ווי איך אליין האב דאס ליב צו באצייכנען, א דעפארטמענט, וועלכער דארף זיך אפגע־בען מיט די, אין שלאכט געפאלענע, סאלדאטען, מיט די ארבייטער, וועלכע ווערען קראנק ארבייטענדיג און קעמפענ־דיג זייער טאג־טעגליכען קאמף.

אלזא, אן אויפגאבע א מענשליכע, א הומאניטארע און א דורכאויס נויטיגע, ווייל זינט מענשען האבען אנגעפאנגען לעבען צוזאמען, אין קלענערע אדער גרע־סערע גרופען, איז די מאראל פון העלפען די פארוואונדעטע אין שלאכט געווארען א נאטירליכע, זעלבסט־פארשטענדליכע זאך.

פון אנפאנג האט דאס אויסגעזעהן, אז אונזערע מעמבערס וועלען אזא זאך אויפנעמען ווי געהעריג איז. אבער מיר האבען געמאכט א טעות. דער דאלאר־אסעסמענט פאר אויפבוידען אויפהאל־טען א סאניטאריום איז געצאלט געווא־רען פון בלויז א קליינע צאל לאקאלס. די געוועהנליכע אייגענשאפט פון יעדען מענשען ניט צו דענקען פון קראנקהייט, ווען מען איז געזונד, איז אין דיזען פאל דעמאנסטרירט געווארען אויף א גרויסען מאסשטאב.

די פרויען־לאקאלס האבען איבער־הויפט איגנארירט די גאנצע אנגעלעגנ־הייט דערמיט וואס זיי ווילען זיך ניט פארזארגען „מיט עולם הבא", האבענדיג אין זינען דאס זיי פארבלייבען ניט לאנג אין דער יוניאן יעדענפאלס. די לאקאלס אבער, וואס זיינען יא פאראינטערעסירט אין ארויסהעלפען אויף א מענשליכען אופן זייערע קראנקע, הויפטזעכליך די קראנקע, וועלכע ליידען פון סוכאטע, הא־בען געטאן אלעס אין זייערע קרעפטען, דאס אזא אינסטיטושאן זאל פון דער אינטערנעשאנאל אויפגעהאלטען ווערען. די קאנווענשאנס סיי אין באסטאן, סיי אין שיקאגא האבען גוט געהייסען אלע רעזאלוציאנען און פארלאנגען, וואס עס זיינען געמאכט געווארען. אבער צוליב די גלייכגילטיגקייט פון די מעמבערס פון די מעהרסטע לאקאלס איז די „סאניטא־ריום און בענעפיט קאמיטע" געוועזען גע־צוואונגען צו דער קליוולאנדער קאנווענ־שאן אויפצוגעבען איינגאנצען דיזען פלאן פון האבען אן אינטערנעשאנאל סאניטא־ריום, און האט רעקאמענדירט, דאס די לאקאלס, וועלכע זיינען פאראינטערעס־סירט אין דעם, זאלען, אזוי שנעל ווי מעג־ליך, רופען א קאנפערענץ און פרובירען דורכפיהרען דיזען פלאן אויף זייערע איי־גענע קרעפטען.

פון דאס וואס איך ווייס, בין איך איבערצייגט, אז גראדע יעצט וועלען מיר ענדליך האבען א סאניטאריום. מענ־שען, וועלכע זיינען אין דעם פאראינטערע־סירט, זיינען דא גענוג, געלט וועט ווארשיינליך אויך ניט פעהלען, ווייל די אסעסמענטס אין די לאקאלס, וואס די מעמבערס האבען געצאלט פאר די לעצ־טע עטליכע יאהר, באטרעפט אין די צעהנדליגע טויזענדער דאלארס. אלעס, וואס עס וועט נויטיג זיין איז, דאס א פאר לאקאלס זאלען אויף זיך נעמען די איניציאטיווע און זעהן אז דיזעס זאל צו שטאנד געבראכט ווערען. לויט דעם באשלוס פון דער קאמיטע דארף דער דזשענעראל סעקרעטאר פון אונזער אינ־טערנעשאנאל ארויסשיקען אן אויפ־פאדערונג צו אלע לאקאלס זיך צו באטיי־ליגען אין א קאנפערענץ ווענען דיזער אנ־געלעגענהייט.

עס איז צו האפען, דאס די לאקאלס, וועלכע קענען און זיינען ווילינ צו זאר־גען פאר זייערע קראנקע מיטגלידער, וועה־לען זיך באלד אפרופען און צוזאמען מיט נאך אנדערע לאקאלס צוטרעטען גלייך צו דער ארבייט.

די קאנפערענצען אין דער קלאוק אינדוסטריע און די עמבראידערערס יוניאן

פון מאריס וואלינסקי

די קאנפערענצען צווישען די קלאוק־מאכער יוניאן און דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, בנוגע דער באנייאונג פון קאלעקטיוון אפמאך אין דער אינדוס־טריע, האבען זיך אנגעפאנגען.

אונזער מיטגלידערשאפט איבער'ן גאנצען לאנד, פאלגט נאך די פארהאנד־לונגען מיט פארשפאנטען אינטערעס. שפע־טער דער די קלאוקמאכער פון ניו יארק פאר דעם רוב מנין און רוב בנין פון אונזער ארגאניזאציע און זיינען דער גרע־סטער טייל פון דער אינטערנעשאנאל.

א זיגע פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק — רעכט זיך איבעראל אפ אויף דער פרויען קליידער אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד.

קאמפליצירט און פארשידענארטיג זיינען די פראבלעמען פון די קלאוקמא־כער אין ניו יארק. זיי האבען גענוג זיי־ערע אייגענע צרות. דאך מוזען זיך די „קרובים" אין דער אינדוסטריע, ווענדען צום דזשאינט באארד פון די קלאוקמא־כער, מיט זייערע בקשות אין דער יעצ־טיגער שווערער צייט. די באנען עמברוי־דערערס יוניאן, לאקאל 66, איז איינע פון די ארגאניזאציעס, וואס מוז אנקומען נאך ברידערליכע הילף אין איין עת צרה.

די מייסטע מיטגלידער אונזערע, זיי־נען באשעפטיגט ביי דער ארבייט פון עמבראידערי, פאר דער קלאוק און סוט טרייד. מיר זיינען א טייל פון דער אינ־דוסטריע. די לעצטע קאנווענשאן, פונקט ווי די פריהערדיגע, האט אנער־קענט, דאס רעכט פון די עמבראידערי־ארבייטער, אלס צו אין דער אינדוסטריע און האט באאויפטראגט אונזער ריכטונג, אנצושליסען לאקאל 66 אין די אפמא־כען מיט די מאנופעקטשורערס אין די פרויען קליידער אינדוסטריע.

די באנען עמבראידערערס, מעהר ווי אלע אנדערע, זיינען אויסגעזעצט דער־געפאהר פון איין האלז שניידענדער קאנ־קורענץ מצד ניט־יוניאן־קאנטראקטינג שאפקעס און „קארפארעישאנס". די סטאנדארדס אין ארבייטס באדינגונגען, וואס מיר האבען ערווארבען זייט יאה־רען, אין בלוטיגע קעמפע מיט די „פיאוו־קעס" אין אונזער טרייד, ווערען טאג טעגליך אונטערגעגראבען.

זייט יאהרען, אז מיר פראפאגאנדי־רען די רפואות, וואס די קלאוקמאכער־שלאגען פאר צו ראטעווען די קלאוק אינ־דוסטריע, נעהמליך: מיר האבען שטרענג פארבאטען אונזערע מיטגלידער ניט צו ארבייטען אין די ניט לעגיטימע קארפארעישאן שאפקעס און האבען גערוכט מיט אלע מיטלען צו באוועגען די אינסייד מאנופעקטשורערס צו מאכען די עמבראידעריס אינסייד. מיר זיינען גע־ווען גליקליכע צו זעהן אזעלכע פירמאס ווי סאראווסקי, אמסטערדאם און סאקס, מאקס קאהען, ברענביער און הענדריקס און פילע אנדערע באדייטענדע אר־בייטסגעבער אין קלאוק און דרעס טרייד מאכענדיג פלאץ אין זייערע אינסייד פאבריקען פאר די עמבראידערי באפו־צונגען פון זייערע פאבריצירטע קליידער.

דערווייל אבער איז די צאהל פון אינסייד קלאוקמאנופעקטשורערס, וואס מאכען זייערע עמבראידעריס אין זייערע אייגענע שעפער זעהר קליין.

לאקאל 66 האט זיך דערום געווענ־דעט צו דער אינטערנעשאנאל און דער דזשאינט באארד, דאס די אינטערעסען פון די עמבראידערי ארבייטער זאלען באשיצט ווערען אין די קאנטראקטען, וואס וועלען געשלאסען ווערען מיט די פאבריקאנטען אין דער אינדוסטריע.

אונזער לאגע, ווערט קלאר אויסגע־דריקט אין אונזערע בריף צו פרעזידענט שלעזינגער און דזשענעראל מענעדזשער, ישראל פיינבערג. דער בריף לעזט זיך ווי פאלגט:

„ב. שלעזינגער, פרעזידענט, א. ל. ג. וו. י.

„ליבער ברודער שלעזינגער: די עק־זעקוטיוו באארד, פון דער באנען און דער עמבראידערערס יוניאן ערוואר־טעט, דאס איהר וועט טאן אלעס מעג־ליכעס צו באשיצען די אינטערעסען פון אונזערע ארבייטער אין טרייד. עס איז נויטיג פאר דעם פאלע יעדען פון אונזער לאקאל:

1. „דאס די אינסייד עמבראידערי־ארבייטער אין די קלאוק, סוט סקירטס, דרעס און ריפער שעפער, זאלען זיין מיט־גלידער פון לאקאל 66.

2. „און דאס די קלאוק מאנופעקטשו־רערס זאלען ניט ארויסגעבען קיין עמ־בראידערי ארבייט צו די שעפער, וואס זיינען ניט „פעיר" צו אונזער יוניאן.

„מיר זיינען די לעצטע מענשען אין דער וועלט, וואס ווינשען צוליב זיך פאר־אורזאכען א פארלייגערטען גענעראל־סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע.

„מיר וואלטען אייך אויך ניט געבע־טען צו טאן עטוואס פאר אונז אויינס, וואס וואלט געשטערט אין געפאהר, די פרידליכע פארהאנדלונגען מיט די אר־בייטסגעבער, באצוועקענדיג די באנייאונג פון אפמאך מיט דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן. מיר זיינען ניט אומבא־קאנט מיט די גרויסע פראבלעמען, וואס שטעהען פאר פאר די קלאוקמאכער און מיר האבען די לעצטע יאהרען נאכגע־פאלגט יעדע פאזע און פאסירונג אין טרייד. מיר ווייסען אבער, דאס די קלאוקמאכער קענען און מוזען עטוואס טאן צו ראטעווען אונז פון אונטערגאנג.

„אונזער עקזעקוטיוו באארד איז דע־רום זיכער, דאס איהר וועט אויף אייער איינענעם אופן, פארלענגען אונזער קיים פאר די מאנופעקטשורערס, ווען די געלעגענהייט וועט זיך נאר מאכען אי־בערלויף פון די פארהאנדלונגען מיט דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, וועלכע, מיר האפען, וועלען אונטער אייער פיהרער־שאפט זיין פרוכטבאר."

אין אונזער צווייטען בריעף צו וויצע־פרעזידענט און דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג, האבען מיר פארגעשלאגען א באראטונג מיט דער באארד און דירעק־טארס פון דזשאינט באארד, איידער מיר וועלען ערשיינען פאר'ן דזשאינט בא־ארד מיט אונזער פראן פאר געמיינ־שאפטליכער אקציאן. ברודער פיינ־בערג, ווער דא געזאגט ווערען צו זיין קרעדיט, האט אונז שוין גלייך מודיע געווען, דאס די באארד און דירעקטארס וועט אויפנעהמען אונזער קאמיטע קו־מענדען מיטוואך און באטראכטען אונ־זער פארלאנג.

עמבראידערי איז געווארען א גרוי־סער וויכטיגער פאקטאר אין קלאוק און סוט טרייד. נאר אויב עס איז פאראן אזא זאך ווי „סטייל גנבה" אין דער אינדוס־טריע, ווערט עס באטריבען כפל־שמונה'דיג פון די עמבראידערי קאנטראקטארס. עס וואלט געווען א ברכה פאר די מאנופעק־טשורערס גופא, ווען די עמבראידערי יונ־יאן וואלט געקומען אין נאהענטער באצי־הונג מיט די קלאוק פאבריקאנטען, דען נאר אויף אזא אופן, וואלטען פילע איבער־לגען נעקענט אפגעשאפט ווערען. מיר זיינען זיכער, דאס דער דזשאינט באארד און די אינטערנעשאנאל וועלען אונז העל־פען אין אונזער קאמף פאר אנערקענונג און באשיצונג פון אונזערע לעבענס אינ־טערעסען.

ווייסט דזשוינט באארד העלפט דעם פיפעלס רעליף קאמפיין.

(שלוס פון זייט 1.)

נ־אמען איז מען אין רוסלאנד ניט אימ־שטאנדע צו קריגען די נויטיגע נעצעס־סיטיען מיר וועלען זיי קומען צו הילף, און דאס טאן זאפארט, ניט פארלירענדיג קיין איין מאמענט צייט".

„דארום אפעלירען מיר צו אייך, מעמבערס פון דער דרעס און ווייסט מייקערס יוניאן זיך אנשליסען אין דער ארמיי־וואלונטירען, וואס וועט דעם 17טען און 18טען יוני זיך ארייןווארפען אין דער ארבייט פון שאפען געלד פאר דעם נאבעלען צוועק".

„לויט אראנדזשמענטס, וואס זיי־נען געמאכט געווארען מיט דער פיפעלס רעליף קאמיטע, וועט די דרעס און ווייסט מייקערס יוניאן האבען אויפזיכט איבער א באשטימטען דיסטריקט. איהר ווערט געבעטען זיך צו מעלדען אין 16 וועסט 21טע סטריט, רום 5, וואו איהר וועט זיך גענוי באקאנען מיט די איינצעל־הייטען ווי אזוי איהר קענט אין די דער־מאנטע טעג העלפען אייערע אומגליקלי־כע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים".

דריי מיטינגען פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן, לאקאל 22

א זיצונג פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן, לאקאל 22 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, מאי דעם 16טען, 1922 אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון ברודער האפמאן.

פארשיידענע קאמיטעס האבען זיך געווענדעט צום עקזעקוטיוו באארד און זייערע פארלאנגען זיינען באטראכט און פארהאנדעלט געווארען.

א קאמיטע פון דער „פאליטיקאל פריזאנערס דעפענס און רעליף קאמיטע” איז ערשינען פאר׳ן עקזעקוטיוו באארד און דערקלערט, אז זי האט ניט לאנג צוריק ארויסגעגעבען פאמפלעטען, וועלכע אנטהאלטען בריף פון פארשיידענע פאליטישע געפאנגענע און אויך ארטיקלען, אין וועלכע עס ווערען דערקלערט און קלאר געמאכט די פארשיידענע „קייסעס”. זי פארלאנגט דאריבער, אז מיר זאלען קויפען קאפיעס פון דעם דערמאנטען פאמפלעט און זיי פארשפרייטען צווישען די מיטגלידער, כדי די לעצטע זאלען באקאנט ווערען מיט די ריכטיגע פאקטען וועגען די פאליטישע געפאנגענע.

דער עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען צו קויפען 50 קאפיעס.

עס זיינען געמאכט געווארען וואהלען פאר א טשערמאן פון עקזעקוטיוו באארד פאר׳ן קומענדען מאנאט, און ברודער ראטענבערג איז איינשטימיג ערוועהלט געווארען.

אויף אן איינלאדונג פון דער יוניטי הויז קאמיטע זיינען די ברידער דוש, ראבינאוויץ, דוש, האפמאן און שוועסטער מיני קאהען אויסגעקליבען געווארען אין א קאמיטע צו פארטרעטען דעם עקזעקוטיוו באארד אויף דער ערעפענונג־יום טוב פון דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק, יוני דעם 16טען, 1922.

די פינאנץ קאמיטע האט אריינגעבראכט איהר באריכט פונ׳ם מיטינג, וואס זי האט געהאט מאי דעם 13טען און עס איז פארהאנדעלט און גוטגעהייסען געווארען.

די ברידער שעהנהאלץ און האכמאן, דעלעגאטען פון אונזער לאקאל צו דער קליוולאנדער קאנווענשאן, האבען אפגעגעבען א באריכט וועגען די פראגען וואס האבען א דירעקטע שייכות מיט אונזער לאקאל און וועלכע זיינען אויפגענומען געווארען אויף דער קאנווענשאן.

נאכדעם ווי ברודער שעהנהאלץ איז פארטיג געווארען מיט׳ן לעזען דעם באריכט, האט ברודער האכמאן אין קורצען איבערגעגעבען זיינע פערזענליכע איינדרוקען וועגען די רעזולטאטען פון דער קאנווענשאן. פילע אנפראגען זיינען געמאכט געווארען אין באצוג צו פארשיידענע באשלוסען, וואס זיינען דערמאנט געווארען אין דעם באריכט, ספעציעל וועגען דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן בנוגע לאקאל 22 און 23.

דער באריכט איז גוטגעהייסען געווארען מיט א דאנק צו די ברידער האכמאן און שעהנהאלץ פאר׳ן אויסארבייטען דעם באריכט. א דאנק איז אויסגעדריקט געווארען צו דער גאנצער דעלעגאציע וואס האט פארטראטען אונזער לאקאל פאר׳ן ערפילען איהר פליכט אזוי גוט ווי זי האט געקענט.

אזוי ווי דער באשלוס בנוגע לאקאל 22 און 23 פאדערט א גרינדליכע און גענויע באטראכטונג, איז צוליב דעם וואס עס איז שוין געווען שפעט, די פראגע אפגעלייגט געווארען ביז צום נעקסטען מיטינג.

ווייל דער טערמין פונ׳ם איצטיגען עקזעקוטיוו באארד ענדיגט זיך אין די קומענדע פאר וואכען און עס דארפען געמאכט ווערען פארבארייטונגען צו דער וואהלען עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער און באאמטע, איז דעריבער באשלאסען געווארען אויסצוקלייבען א קאמיטע פון פינף, וועלכע זאל אריינברענגען רעקאמענדאציעס צום נעקסטען מיטינג פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד ווי אזוי די וואהלען זאלען געפיהרט ווערען און ווען און וויפיל באאמטע מיר זאלען ערוועהלען. די קאמיטע באשטעהט פון די שוועסטער סאסנאווסקי, פארבער און די ברידער לייבאוויטש, האפמאן און ראבינאוויץ.

עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז א גענעראל מעמבער מיטינג זאל גערופען ווערען פאר דאנערשטאג, מאי דעם 25טען אויף וועלכען די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן זאלען אפגעבען א באריכט צו די מיטגלידער.

* * *

א זיצונג פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן, לאקאל 22 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, מאי דעם 23טען 1922 אין 16 וועסט 21טע סט. אונטער דעם ציימווייליגען פארזיץ פון ברודער האפמאן.

עס זיינען צוגעלאזען געווארען עטליכע קאמיטעס און זייערע פארלאנגען זיינען גענומען געווארען אין באטראכט און דער עקזעקוטיוו באארד האט איבער זיי געהאנדעלט.

די אפיעל קאמיטע האט אריינגעבראכט דעם באריכט פון איהר מיטינג, וואס זי האט געהאלטען מאי דעם 20טען און ער איז פארהאנדעלט און גוטגעהייסען געווארען.

די באריכטען פונ׳ם דזשאינט באארד פון זיינע לעצטע צוויי מיטינגען, אפריל דעם 26טען און מאי דעם 17טען זיינען איינגענומען און פארהאנדעלט געווארען.

די קאמיטע, וועלכע איז פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד, ביי זיין לעצטען מיטינג, ערוועהלט געווארען אויסצוארבייטען פלענער ווי אזוי אנצופיהרען די וואהלען פאר עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער און באאמטע פאר׳ן קומענדען טערמין, האט איבערגעגעבען איהר באריכט.

נאך א דעבאטע האט דער עקזעקוטיוו באארד אנגענומען די פאלגענדע רעקאמענדאציעס פון דער קאמיטע:

1. ברענטש מיטינגען זאלען גערופען ווערען פאר דינסטאג אווענט, יוני דעם 6טען, ביי וועלכע נאמינייישאנס פאר עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער און באאמטע זאלען געמאכט ווערען. עס זאלען אויך ביי די מיטינגען אויסגעקליבען ווערען אן אבדזשעקשאן און עלעקשאן קאמיטע.

2. די אבדזשעקשאן קאמיטע זאל באשטעהן פון 7 מיטגלידער, איינער פון יעדען ברענטש און צוויי פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד. די קאמיטע זאל פונקציאנירען אלס אן אבדזשעקשאן און עקזאמינייישאן קאמיטע און זי זאל באשליסען איבער אלע איינוזענדונגען וואס וועלען געמאכט ווערען וועגען די נאמינירטע קאנדידאטען און איבער די וועהלבארקייט פון יעדען קאנדידאט. דיזע קאמיטע זאל האבען איהר זיצונג דעם 10טען יוני.

3. די עלעקשאן קאמיטע זאל באשטעהן פון 15 מיטגלידער, דריי פון יעדען ברענטש. די אויפגאבע פון דער קאמיטע זאל זיין צו מאכען אלע פארבארייטונגען פאר די וואהלען און זעהן אז די וואהלען זאלען ריכטיג געפיהרט ווערען.

עס זאלען זיין פינף שטימ־פלעצער, און דריי מיטגלידער פון דער דערמאנטער קאמיטע זאלען זיך געפינען אין יעדען שטימ־פלאץ.

4. וואהלען זאלען געהאלטען ווערען דעם 22טען יוני, און די שטימ־פלעצער זאלען דעם טאג זיין אפען פון 9 אין דער פריה ביז 8 אין אווענט.

5. דער עקזעקוטיוו באארד זאל באשטעהן פון 21 מיטגלידער.

6. עס זאל ערוועהלט ווערען א סעקרעטאר־טרעזשורער, וועלכער זאל, ערשטענס, זיין סעקרעטאר פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד און האבען די אויפזיכט איבער די פארשיידענע קאמיטעס פון דער ארגאניזאציע; און, צווייטענס, זיך אפגעבען מיט די פינאנציעלע ענינים פון דער יוניאן.

7. בנוגע די צאהל ביזנעס איידזשענטס, וועלכע אונזער לאקאל דארף ערוועהלען, איז באשלאסען געווארען, אפצוווארטען ביז דער דזשאינט באארד וועט אריינברענגען א באריכט נאכדעם ווי דער צענזוס וועט אין גיכען גענומען ווערען.

עס איז באשלאסען געווארען, אז דער ערשטער פונקט אויפ׳ן טאגעס־ארדנונג פונ׳ם נעקסטען מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד זאל זיין ווייטערדיגע פלענער ווי אזוי צו האנדלען אין באצוג צו דער פאראייניגונג פון לאקאל 22 און 23.

* * *

א זיצונג פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעססמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך אווענט, דעם 31טען מאי, 1922 אין 16 וועסט 21טע סט. אונטער דעם פארזיץ פון ברודער ראטענבערג.

עס זיינען ערשינען קאמיטעס פון די שעפער, לייאן דרעס קאמפ., פיידוש דרעס קאמפ., סורפרייז דרעס קאמפ. און ראוז דרעס קאמפ. זייערע פארלאנגען זיינען אויסגעהערט און פארהאנדעלט געווארען.

א צושריפט איז באקומען געווארען פון אב. באראף, גענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנאל, אין וועלכען ער לאזט וויסען אונזער לאקאל, אז אויף דער קאנווענשאן אין קליוולאנד איז באשלאסען געווארען, ארויפצולייגען א טעקס פון פיר דאלאר אויף די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל פאר ארגאניזאציאנס צוועקען. כדי די אינטערנעשאנאל זאל האבען א מעגליכקייט גלייך אנצופאנגען מאן ארגאניזאציאנס ארבייט פאדערט זי אויף די לאקאלען שוין אריינצושיקען דעם ערשטען דאלאר טעקס.

אין פארבינדונג מיט דעם צושריפט האט ברודער שעהנהאלץ געצייגען די אויפמערקזאמקייט פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד צו דער סומע געלט וואס אונזער לאקאל איז שולדיג פאר פארשיידענע אסעסמענטס צו דער אינטערנעשאנאל, און עס איז באשלאסען געווארען, אז דער סעקרעטאר, צוזאמען מיט דער פינאנץ־קאמיטע פון אונזער לאקאל זאלען אריינשיקען א געוויסע סומע געלט צו דער אינטערנעשאנאל.

עס איז ווידער באטראכט געווארען דער באשלוס וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען אין באצוג צו דער פראגע פון לאקאל 22 און 23. פארשיידענע מיינינגען זיינען ארויסגעזאגט געווארען, ווי אזוי דיזען פראבלעם צו לעזען, און עס איז באשלאסען געווארען, אז ביים קומענדען גענעראל מעמבער מיטינג, דעם 12טען יוני, וואו די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן וועלען פארטרעטען זייער באריכט, זאלען מיר צו די מיטגלידער רעקאמענדירען אונזערע פלענער ווי אזוי די צוזאמשמעלצונג פון די צוויי לאקאלס קאן דורכגעפיהרט ווערען.

די פראגע, וועלכע איז פון לעצטען עקזעקוטיוו באארד מיטינג אפגעלייגט געווארען אויף דעם ווי אזוי די דעלעגאטען פון אונזער לאקאל צום דזשאינט באארד זאלען ערוועהלט ווערען, איז ווידער באטראכט געווארען און דער עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען, אז די דעלעגאטען צום דזשאינט באארד פאר׳ן נעקסטען טערמין זאלען ערוועהלט ווערען פונ׳ם אריינקומענדען עקזעקוטיוו באארד, אזוי ווי אלע באשטענדיגע קאמיטעס פון דעם עקזעקוטיוו באארד.

די פינאנץ קאמיטע האט אריינגעבראכט איהר באריכט און עס איז באשלאסען געווארען צו שטיצען דער פרוי פונ׳ם פארשטארבענעם ברודער לואיס פרענק, וועלכער איז געווען טשערמאן פון גאלדבערג און גליק׳ס שאפ, מיט 50 דאלאר.

מיט דעם האט זיך די זיצונג געשלאסען.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

די דעזיינערס יוניאן לאקאל 45

דער דעזיינער גלויבט נאך ניט, אז ער איז אריינגענומען געווארען אין דער ארבייטער־משפחה, אבוואהל א יוניאן פון דעם טרייד עקזיסטירט שוין דריי יאהר. די אינטערנעשאנאל האט זיי שוין אנערקענט, און א „טשארטער” געגעבען, דאך, האט נאך אפילו דער מעמבער פון דער דעזיינערס יוניאן געפיהלט זיך אים א „פרעמדער”.

ווארום איז דאס אזוי?

דער דעזיינער פון די פריהערדיגע צייטען איז געווען מעהר אינדיפענדענט און איז באהאנדעלט געווארען פון דעם באס פיל בעסער ווי איצט. ער האט אויך מעהר געלט פארדינט און איז געווען פאררעכענט ביי דעם מאנופעקטשורער אלס איינער, וואס איז א פארטנער צו די ביזנעס. פילע מאל האט דער דעזיינער אויסגעקליבען ארבייטער פאר דער פעקטארי, ער האט גערונגען ארבייטער און אוועקגעשיקט, ווען עס האט זיך איהם געגלוסט, און פאלגליך, איז ער געווען פארהאסט ביי די קלאוקמאכער.

אזוי איז אנגעגאנגען ביז נאך דעם ערשטען דזשענעראל סטרייק פון 1910.

נאך דעם סטרייק האט זיך אנגעהויבען א נייער פעריאד אין דעם דעזיינער־פאך. עס איז אויסגעוואקסען 2 שדים אין דעם קלאוקס טרייד, דער „דזשאבער” און דער סאב מאנופעקטשורער. און דאן האט דער דעזיינער אנגעהויבען פיהלען, אז ער איז א „טול” ביי די באסעס.

פריהער האט דער דעזיינער געהאט נאר דעם מאנופעקטשורער, וועלכער האט אויך באשעפטיגט באנדעל־קאנטראקטארס און ניט מעהר. יעצט האבען זיך פארשפרייט אזוי פיל דזשאבערס, און סאב מאנופעקטשורערס, אז איין דעזיינער פאר 25 שעפלאך איז נאך אויך צו פיל. און דעם דעזיינער קומט אויס ארומצודרעהען זיך אין דער פינפטער עוועניו, אהן א דזשאב. און ווען ער געפינט א דזשאב, ארבייט ער פאר דעם פרייז, וועלכען דער באס גיט איהם.

עס איז דא א צווייטע אורזאכע, וואס די לאגע פון דעזיינער איז געווארען אן אונערטרעגליכע. אמאליגע צייטען, ווען קיין יוניאן איז ניט געווען, האט דער מאנופעקטשורער געטאן מיט דעם קלאוק מאכער וואס ער האט געוואלט. ער האט געצאהלט ווענינ, און מען האט געארבייט ווי רעגעלע שקלאפען. און דערפאר האט דער באס ניט גענייכט צו „סייפען” פון דעם דעזיינער, ווייל פילע זיינען געווען מיטהעלפער צום מאנופעקטשורער צו פארשקלאפען די ארבייטער.

אבער דער דעזיינער פון אמאל איז יעצט שוין ניטא. די לאגע האט זיך א סך געביטען. די מאנופעקטשורערס פון היינט באהאנדלען דעם דעזיינער ערגער ווי דעם אלגעמיינעם קלאוק מאכער, ווייל פאר דעם אפערייטאר, שניידער אדער פרעסער, האט דער באס מורא, ער האט דאך א יוניאן, וואס עס פאסט אויף אויף זייערע אינטערעסען. און דער דעזיינער איז נאך ניט געווען ביז איצט אנערקענט, ניט פון דעם מאנופעקטשורער און אויך ניט, אפילו, פון די ברידער ארבייטער אין שאפ.

דער דעזיינער, ניט זייענדיג גוט ארגאניזירט, האט ניט געקענט איבערצייגען דעם קלאוקמאכער, אז יעצט איז ער אן ארבייטער אין שאפ גלייך מיט איהם, און ער דארף איהם אנערקענען. און זייענדיג איינער אין א שאפ, איז אונמעגליך געווען פאר איהם, אהן דער הילף פון די אלע ארבייטער צו שטעלען זיך אויף דער זעלביגער שטופע ווי זיי. יעצט איז אבער געקומען די צייט, וואס די אינטערנעשאנאל און דזשאינט באארד האבען זיך געשטעלט די אויפגאבע צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די דעזיינערס צוגלייך מיט אלע קלאוקמאכער און דערפאר דארף דער דעזיינער ניט שטעהן פון זייטען, ער מוז ווערען א יוניאן־מאן.

אלע דעזיינערס ווערען אויפגעפאדערט צו קומען צו א וויכטיגען מיטינג היינטיגען שבת, דעם 10טען דזשון, 2 אזייגער בייטאג, אין מארטיניק האטעל, אין דער „אוק רום”, בראדוויי און 32טע סטריט. צום מיטינג זיינען איינגעלאדען אלע דעזיינערס אהן אן אויסנאמע.

עס וועט אפגעגעבען ווערען א באריכט פון מענעדזשער, וועגען דער קאנפערענץ מיט די מאנופעקטשורערס און נאך וויכטיגע פראגען וועלען פארהאנדעלט ווערען. דעלעגאטען פון דער דזשאינט באארד וועלען אדרעסירען דעם מיטינג. קומט אלע אין צייט.

עקז. באארד יונייטעד דעזיינערס אף לידיעס וועיר, לאקאל 45
מ. גאלדאווסקי מענעדזשער.

וואס איז עקס-לאקס?

עקס-לאקס איז איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט. דאס איז א טשאקאלאד-קענדי, וועלכעס רעגולירט דעם מאגען און פארנעהמט דעם פלאץ פון קאסטאר-איל, ביטער-זאלץ, רובארבער, ביטער-וואסער, לאקריץ פאודער, באצוקערטע אדער געפארבטע פיללען, און נאך פילע אנדערע אלט-מאדישע אפפיהר-מיטלען פאר וועלכע יעדער מאן, פרוי אדער קינד פלעגען זיך אפשרעקען.

עקס-לאקס איז א טשאקאלאד דורך און דורך. עס איז געשמאק אין טעם און ווירקט געלאסען און נאטירליך נעגען אלע פארמען פון מאגען-פארשטאפונג, אהן שמערצען אדער קרעמפען.

טרייעט א באקס היינט און איבערצייגט אייך.

10, 25 און 50¢. א באקס, אין אלע דראג-סטארס.

דעמאקראטיע

(הומארעסקע)

פון בין בען.

.1

ווען עס האט אין א געוויסען אקטאבער געהאלטען דערביי, אז פון קניאז וולאדימיר פאטיעכין זאל ווערען פראסט און פשוט בירגער וולאדימיר פאטיעכין, האט זיך דער קניאז, אין א מיטען נאכט, אריבערגעשליכען קיין דייטשלאנד, און פון דארט, אונטער א פיקטיווען נאמען, קיין אמעריקא.

אנקומענדיג אין ניו יארק, האט ער גיראוועסגעלאזט אפנוצען זכות־אבות ביי מענשען, וואס האבען איהם געקאנט פון דער היים. דעם ערשטען באזוך האט ער אפגעשטאט פאטיאמקינען, דעם געוועזענעם קאפיטאן פון א פאלק, און וועלכען זיין דורכלויכט האט געהאט עפעס אן אהרען־מישין. פאטיאמקין איז דא שוין געהאט געווען א וואכען זעקס־זיבען.

— וואס זעהן מיינע אויגען! קניאז פאטיעכין! — איז פאטיאמקין איהם אנטקעגענגעלאפען מיט אפענע ארעמס.

דער קניאז, בלייך־ווערענדיג האט זיך עטליכע מאל דערשראקען ארומגעקוקט און געזאגט:

— וואס רעדט איהר, פאטיאמקין! גאט איז מיט אייך! דא רופט איהר מיך קניאז? דא, אין אמעריקא? איהר וועט דאך מיר אומגליקליך מאכען!

דער קניאז, האב איך פארגעסען צו זאגען, האט געהאט א זעהר הויכע מיינונג וועגען דער אמעריקאנער דעמאקראטיע. נאך אין בערלין, ווען באקאנטע האבען איהם געפרעגט, פארוואס ער פאהרט קיין אמעריקא אונטער א פיקטיווען נאמען, האט ער געזאגט:

— כדי די אמעריקאנישע חזרים דארט נישט אויפצורייסען די אויגען...

פאטיאמקין איז נאך נישט געווען באקאנט מיט דעם קניאז'ס טעאריע וועגען אמעריקא.

— איך וועל אייך אומגליקליך מאכען? — איז ער אויפגעשפרונגען א באליידיגטער — איך, אייער פריינד? איך טו אייך זאגען, קניא־א־א־...

דער קניאז האט איהם נישט געלאזט ענדיגען:

— איך בעט אייך, גאלובטשיק, הערט אויף! קניאזעט מיך נישט. פארגעסט. איך בעט אייך!

— אבער פארוואס?

דער קניאז האט אנגעגעבען זיינע אורזאכען: דעמאקראטיע א. ז. וו.

פאטיאמקין האט זיך צעלאכט.

— נעהמט שוין, טייערינקער, איהר קענט זיי נאך, זעה איך, א האר נישט, די אמעריקאנער. די כפרה ווערען זיי דאך דא פאר אייערס גלייכען. א קליינינגקייט עפעס ביי זיי אן עכטער, סאמאדארנער, הונדערט־פראצענטיגער קני־א־א...

— זאגט דאס נישט ארויס! איך בעט אייך! — האט איהם דער קניאז נישט געלאזט ענדיגען.

אוועקגעהענדיג פון פאטיאמקינ'ען (ביי וועלכען ער האט זיך גערעכט צו קריגען א הלואה) מיט ליידיגע הענט, האט דער קניאז ביי זיך געטראכט: א פויער בלייבט א פויער. איז אפ זיבען וואכען אין א לאנד און פארשטעהט גארנישט.

דער געוועזענער טאמבאווער סוחר וואלכאווסקי, וועלכען ער האט באזוכט דעם זעלבען טאג, איז אויך, ווי פאטיאמקין, אליין געווען אויף גרויסע צרות, באדויערט, וואס ער קען דעם קניאז נישט צו הילף קומען מיט קיין געלד, און געקראכען מיט עצות:

— פאלגט מיך, קניאז, מעלדעט זיך מיט אייער אמת'ן נאמען און נים אן אלע אייערע טיטולען. איהר קאנט נישט אמעריקא. א דעמאקראטיע דא ביי זיי, הלואי אויף רוסלאנד געזאגט געווארען אין צעהן יאהר ארום אזא, וועט איהר נישט דארפען שטעקען ערגעץ אין הארבעם אין א לאך, מיט יעדער סוואלאטש, און נאך מיט ושירעס דערצו, אינאייעס.

דער קניאז, א געקרענקטער, א באליידיגטער, האט איהם באדאנקט פאר דער עצה, און איז אוועק. געהענדיג אהיים, אין דעם צימער, וואס ער האט אפגעדונגען ביי דער אלמנה קאהן, האט ער געטראכט: פויער בלייבט פויער, איז שוין באלד א יאהר דא אין לאנד און פארשטעהט גארנישט...

כדי דער קניאז זאל ערשיינען אין זיין אמת'ן ליכט, מוזט דא דערמאנט ווערען, אז ער איז אויסגעוואקסען און האט אפגעלעבט כמעט זיין גאנץ לעבען ווייט פון דער רוסישער וועלט, אויף א דארף, אין איינעם פון זיינע גיטער. אמעריקא האט ער געקאנט בלויז פון ביכער, אלס דאס לאנד פון פרענקלין, דזשעפערסאן, לינקאלן...

.2

אוועק א וואך, און פון דעם אוצר דייטשע מארקען, וואס דער קניאז האט מיטגעבראכט, איז איהם געבליבען א קימא לן פון א סענט דרייסיג. דעם אכטען טאג האט ער שוין אונטערגעהונגערט — נישט פארגינט זיך אויסגעבען די לעצטע פאר פענים. ווען דער אווענט איז צוגעפאלען, איז ער אוועק אויפזוכען ווסיעוואלאד סאמאוו'ן א יוגענט־פריינד זיינעם, וועמעס אדרעס ער האט צופעליג געקראגען דורך פאטיאמקינ'ען. סאמאוו, האט ער געהערט, איז אין אמעריקא שוין א סך יאהרען און איז א מענש א פארמעגליכער. „מיין לעצטע רעטונג", האט ער געטראכט, געהענדיג. ער איז געווען זיכער, אז סאמאוו וועט איהם נישט אפזאגען א פאר הונדערטער.

אבער סאמאוו האט שוין עטליכע יאהר נישט געוואוינט אונטער דעם אדרעס, און קיינער פון זיינע אלטע שכנים האט נישט געוואוסט וואו ער וואוינט. דערהערט די בשורה, האט זיך דער קניאז שיער נים צעוויינט.

ווען ער איז אין אווענט אהיים געקומען, האט ער זיך פארטרויט אין דער מיסיס קאהן, זיין ווירטין:

— שלע־ע־עכט, מוטערל! די לאנדסלייט, וואס איך געפין, האבען נישט, און די וואס האבען יא, געפין איך נישט.

די מיסיס קאהן האט איהם אויסגעהערט און געענטפערט, אז זי קען באין אופן נישט פארשטעהן, פארוואס א מענש ווי ער, קענטיג נישט קיין נאר, א געזונטער, געהט נישט ארבייטען.

— ארבייטען? — האט דער קניאז איבערגעפרעגט עטליכע מאל.

דאס איז איהם גאר ביז איצט נישט איינגעפאלען.

ער האט אפגעטראכט א פאר מינוט און געזאגט:

— גוט ארבייטען, אבער ביי וואס?

— וואס'הייסט ביי וואס? ביי וואס עס מאכט זיך. איינגעשטאנען ביי מיר דא נישט לאנג א מאן, טאקע פון אייערע, א רוס, האט ער אנגעהויבען פון וואשען טעלער אין א רעסטאראן און איז מיט דער צייט, ס'האט קיין יאהר נישט געדויערט, געווארען א גאנצער יא־טעבעראס, טאקע אין דעם זעלביגען רעסטאראן. טראגט א פראק, טראגט ער, און נעמט אויף די געסט וואס קומען עסען, און ווייזט זיי וואו זיך צו זעצען. גראד א פראסטער מענש, א פויער פון דער היים, אבער טויג זיך צו ביזנעס. פאלגט מיך, געהט אריבער צו איהם. זאגט איהם, אז איך האב אייך געשיקט, ט'ער שוין צורינגען...

.3

מיסטער קוזניעצאוו — אזוי האט מען גערופען דעם אויפגעקומענעם פויער, צו וועלכען מיסיס קאהן האט איהם רעקאמענדירט — האט דעם קניאז אויפגענומען ווי אן אמת'ער לאנדסמאן, איהם אוועקגעזעצט נעבען זיך, געהייסען דערלאנגען טיי, און איהם גענומען אויספרעגען וועגען רוסלאנד, און וועגען דער רעוואלוציע, און וועגען דעם, ווי אזוי איהם, דעם קניאז, לעבט זיך. דער קניאז האט זיך באמיהט צו געבען זיינע ענטפערס אין דער איינפאכסטער שפראך, נוצענדיג פויערשע ווערטלאך און משלים. קוזניעצאוו איז געווען אין זיבעטען הימעל.

— צי איך וועל אייך געבען ארבייט? — האט ער צום סוף געזאגט. — וועמען דען וועל איך געבען ארבייט, די געוועזענע פריצים אונזערע, וואס זיינען אהער אנגעלאפען ווי די פארסאמטע מייז? קלאפען דאך מיר דא אפ די שוועלען, די חזרים! אבער ביי מיר זיינען נישטא קיין מיוחסים. איך בין מיר א פראסטער מענש. מיר פארדריסט נאר, פארוואס איך בין נישט געווען אין דער היים, ווען מען האט זיי געקוילעט, די בורזשויעס...

דעם קניאז האט א קאלטער שווייס ארויסגעשלאגען אויפ'ן לייב.

— איך וואלט זיי צעפערטעלט, גלידערווייז גענומען — האט קוזניעצאוו פארטגעזעצט. — קומען אהער בעטען זיך: העלף, זעמליאק! גיב צו פארדינען! און איך — ער האט אויסגעשאסען אין א געלעכטער — איך הייס זיי קומען מארגען, איבערמארגען, אין א וואך ארום. וואס ארט עס מיך? די באלשעוויקעס, זאג איך אייך, זיינען...

— די באלשעוויקעס? — האט דער קניאז ציטערענדיג געפרעגט — איהר גלויבט?...

— ווי דען? אבער שטילערהייט. דא איז אמעריקא. דא דארף מען האבען שכל. דא איז דעמאקראטיע... דא, אז איך האב געזעהן, איך זעה פארטרייט הענגען וואשינגטאנ'ס טעיער אין דער קיך, האב איך פארטרייט איינעם, און א צווייטען, און א דריטען — א־נו, גאלובטשיק, טרעפט, וואס איך האב ווי פארטרייט! איהר'ט נישט טרעפען. איהר זיינט נאך א גרינער. איך האב זיי פארטרייט, און זיי האבען דא באייך צעפייקט. א־נו, וואס מיינט איהר?

— פון וואנען זאל איך וויסען? — האט דער קניאז געציינען מיט די אקסלען.

אז איך בין א קניאז, פון דער סאמע צארסקע פאמיליע — אט וואס! און אויף מארגען, באלד אויף מארגען איז דאס געווען אין די גאזעטען, און אויף איבערמארגען, גלייך אויף איבערמארגען קומט צו מיר דער באלעבאס און הייסט מיר אויסטאן דעם פארטוך, און גיט מיר א פראק, און — איהר זעהט דא...

די לעצטע ווערטער האט שוין דער קניאז נים געהערט. ער האט געחלש'ט.

א לאנגע צייט...

פון י. אדלער.

א לאנגע צייט האב איך געטרוימט,
אז קומען וועט זי נאך צו מיר.
א בענקשאפט האט אין הארץ געוועבט
און אויסגעוועבט א יאמער־שיר.

איך האב געטרוימט, געהאפט, געווארט,
געטרייסט זיך מיט דעם ליבען טרוים.
איך האב געהאט אין הארץ ביי מיר
שוין אנגעגרייט פאר איהר א היים —

א זיסע היים, א ווארעם ווארט,
א טרייע שוים, א הייסע ברוסט,
א הייסען קוש, א שטילען סוד.
אך, ווי עס פלאקערט נאך די לוסט!

פארגעסען וועל איך נישט דעם טאג
ווען כ'האב געהערט איהר לעצטעס ווארט.
אין מיין נשמה האט דאס ווארט
געגראבען טיף א קבר דארט...

איך האב געווארט, איך האב געטרוימט,
כ'בין שוין פון דעם טרוימען מיד —
אך, ־ווען זי קומט — נאך היינט וואלט איך
איהר אויסגעקושט א יעדעם גליד...

די 42טע קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערייישאן אָף לייבאר.

(שלוס פון זייט 1)

דער פעדערייישאן און היינט איז זי די 42טע.

אבער שרעקט זיך נים, דאס איז נים דערפאר ווייל אונזער יוניאן האט זיך אזוי פיל פארקלענערט. דאס איז דערפאר, וואס אין דער לעצטער צייט האבען מאנכע פון די אמעריקאנער יוניאנס א שטארקען וואקס געטאן, האבען זיך א רוק געטאן צום פראנט. אויב עס זאל געלינגען אונזער אינטערנעשאנאל צו ארגאניזירען די אלע ליידיס גארמענט ווארקערס אין די שטעדט וואו זיי זיינען נאך נים ארגאניזירט, וועלען מיר ווידער קומען צום פראנט און אנדערע יוניאנס וועלען זיך שטעלען הינטער אונז. און מיר האבען גרויסע האפענונגען אז אזוי וועט עס זיין. אין דער גאנץ נאהענטער צוקונפט.

אונזער דעלעגאציע צו דער קאנווענשאן וועט דארט זיין אין צייט. די מעהרסטע דעלעגאטען פון אונזער אינטערנעשאנאל צו דער קאנווענשאן פאהרען אפ מיטוואך אווענט, צוזאמען מיט'ן דזשענעראל עקזעקוטיוו באָרד, וועלכע פאהרט צו זיין ערשטען פערטעל־יעהרליכען מיטינג, וועלכער עפענט זיך דאנערשטאג אין דער זעלבער שטאדט. דער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט געהאלטען ווערען איידער די קאנווענשאן וועט זיך עפענען און דער גאנצער דזש. עקזעקוטיוו באארד וועט אזוי נאך קאנען זיין ביי דער קאנווענשאן פון די א. פ. און ל.

אונזער דעלעגאציע צו דער קאנווענשאן באשטעהט פון די פאלגענדע פערזאנען:

פרעזידענט ב. שלעזינגער, ל. פינקאווסקי, פון לאקאל 23; ל. לאנגער, פון לאקאל 35; מ. אמדור, פון פילאדעלפיער דזשאינט באארד; ה. גרינבערג, פון לאקאל 50 און ל. אנטאניני, פון לאקאל 89.

צוזאמען מיט דער דעלעגאציע וועט דארט אויך זיין ש. יאנאווסקי, דער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט", וועלכער וועט זיך טיילען מיט אונזערע לעזער מיט זיינע איינדריקע פון דער קאנווענשאן. ער וועט איבערגעבען פאר די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" די וויכטיגסטע באשלוסען און די אינטערעסאנטעסטע מאמענטען פון דער קאנווענשאן.

שיפּליאקאף רעזיגנירט פון זיין אמט אין אמאלגאמייטעד.

גענאסע א. י. שיפליאקאף האט רעזיגנירט פון זיין אמט אלס מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד פון אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס. אריינגעטראגען זיין רעזיגנאציע האט ער נאך מיט א וואך צוריק. אבער דער דזשאינט באארד האט עס געהאט צוריקגעוויזען און איבערגעגעבען צו דער באארד אוו דירעקטארס פון דער יוניאן. שיפליאקאף איז אבער באשטאנען אויף דעם, אז מען זאל זיין רעזיגניישאן אננעהמען און ביים צווייטען מיטינג פון דזשאינט באארד האט די באארד אוו דירעקטארס רעקאמענדירט, אז מען זאל שיפליאקאף'ס רעזיגניישאן אננעהמען, ערקלעהרענדיג דערביי באדויערען פאן זיין אוועקגעהן און פולע אנערקענונג פאר זיינע דיענסטע אין דער דזשאינט באארד. שיפליאקאף האט ערקלעהרט, אז זיין אוועקגעהן האט נים געהאט צו טאן מיט קיין „לינקע" אדער „רעכטע" אין דזשאינט באארד. שיפליאקאף וועט בלייבען אין אמט ביז א נייער מענעדזשער וועט פארנעהמען זיין פלאץ.

אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

מיר האבען שוין איינמאל געמעלדעט וועגען דעם שאפ פון שאפירא און ראזענטאל, וואס האט זיך אויך אריבערגעקליבען אין דער קאונטרי. מיר ווילען יעצט צוגעבען איינינע באמערקונגען וועגען דיזען שאפ. ערשטענס האט די פירמע אויסגעפונען א גאנץ אינטערעסאנטע זאך, נעמליך: אז פון לופט אליין קען מען קיין לעבען ניט מאכען. דער שאפ וואס זיי האבען דארטען יעצט איז אנגעפיהלט מיט לופט אבער ריפערס ווערען דארטען זייער ווייניג געמאכט.

יע, מיר מוזען דערצעהלען דעם גאנצען אמת. מען האט דארטען יע געמאכט איינינע הונדערט מאנטעראך אבער זיי האבען ל י ד ע ר ניט געטויגט. און אלץ הייסט ניט געטויגט! דער „פיקסען" האט גענומען 8 מאל אזוי פיל, וויפיל דער מאכען, און נאכער האבען זיי ערשט ניט געטויגט! מר. ראזענטאל, נעבאך, אויף איהם האבען מיר קיינמאל ניט געוואונשען אזא נארישקייט.

יעצט פאנגט זיך אן דער פאהרען! אי, דער פאהרען. מען דערצעהלט, אז די צוויי בעלי־בתים האלטען אין איין ארום פאהרען. דארף מען א נאדעל, — אפאהר קיין ניו יארק. דארף מען א פאס אויף א מאשין? — אפאהר קיין ניו יארק. דאכט זיך אטא זיינען זיי געווען אין ניו־יארק און מען האט א ל ע ס איינגעקויפט און ס'קומט צו דער ארבייט איז קיינער ניטא אין דער היים. מען מוז ווייטער לויפען אין שטאדט אריין.

ווי לאנג דיזע פירמע שאפ וועט אנהאלטען ווייסען מיר אליין ניט.

ווי עס לייגט זיך אויפ'ן שכל קען ער צופיל ניט ריכען. יעדענפאלס, האט די יוניאן דארטען אין קאונטרי געעפענט אן אפיס און פרעדיגט דארטען די זעלבע זאך וואס דא. איהר ווייסט דאך; ס'איז דאך די זעלבע אינטערנעישאנעל...

* * *

די ארבייטער פון רייזמאן, ראטמאן און ליוויי, האבען געהאט א ביסעל אומאנגענעהמליכקייטען. זיי האבען געדריינקט אז זיי וועט אויסקומען אביסעל צו צוקריגען זיך מיט זייערע בעלי־בתים. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער באצאלונג פון דעם „טיים אגרימענט". די פירמע האט דיזען מאל זיך געלאזט אביסעל בעטען, און ביז אלעס איז געשליכטעט געווארען צו דער צופרידענהייט פון אלעמען, האט גענומען אביסעל צייט. יעצט אבער, נאך דעם ווי אלעס איז לענגליך און ברייטליך ארום גערעדט געווארען איז מען געקומען צו א פריינדליכען פארשטענדיגונג. ביידע צדדים, די פירמע און די יוניאן האבען איינגעשטימט אז אלעס זאל בלייבען ביים אלטען פאר נאך א יאהר. איהר ווייסט דאך, די יוניאן איז ניט קיין גזלן און האט ניט געקענט איגנארירען איינגאנצען דעם פאקט, וואס די צייטען זיינען יעצט ניט אזוי אמבעסטען.

די ארבייטער קריגען א צייט־אגרימענט פאר 48 וואכען און די ארבייטער האבען איינגעשטימט צו ארבייטען אויף די זעלבע וויידזשעס ווי לעצטען יאהר און דערמיט איז די געשיכטע געענדיגט.

אז די ארבייטער זיינען צופרידען מיט דיזען אויסגאנג פון די פארהאנדלונגען קען מען זעהן פון דער פאלגענדער רעזאלוציע, וואס די ארבייטער האבען אנגענומען ביי א שאפ מיטינג:

„אין אנבאטראכט אז ברודער סאלוצקי, דער מענעדזשער פון ריפער דעפארטמענט און ברודער בערקאוויטש, דער ביזנעס איידזשענט פון אונזער שאפ, האבען אזוי פעהיג, אינטעליגענט און מיט אזא איבערגעבענהייט פארהאנדעלט די פראגע פון א צייט אגרימענט פאר די ארבייטער פון אונזער שאפ, מיט דעם רעזולטאט פון אן 48־וואכיגען אגרימענט, וועלכע איז געקראגען געווארען אויף אן אופ'ן וואס גיט קרעדיט אונזער ארגאניזאציאן — ווערט עס דעריבער באשלאסען אויסצודריקען אונזער הארציגען דאנק צו די ברידער סאלוצקי און בערקאוויטש פאר די גוטע ארבייט, וואס זיי האבען געטאן פאר אונזער שאפ.

ד. פארמעט, ה. גרייף, ה. האלאנדער, מ. גראס. — קאמיטע.

ה. ליוויי — שאפ־טשערמאן."

צו אזא אויסגאנג בעט זיך נאך איין זאך — א באנקעט.

* * *

לואיס וויינשטיין (נעבאך). אט דער גרויסער, יונגער און שטארקער לואיס וויינשטיין איז ניט געזונד, ניט פאר קיין אידען גערעדט. אבער ניט, ניט געזונד עפעס אזוי ווי עס רעדט זיך, נאר טאקע שטארק קראנק. נאר וואס הייסט קראנק? קראנק צו קראנק איז דען גלייך? ער איז נעבאך קראנק פארביי... און אזוי ווייטער.

אט דער גוטער בעל־הבית איז אזוי „בראנק", אז ער קען מעהר מיט די ביזנעס ניט אנגעהן. מיר האבען געהערט אז ער האט ארויסגעראנגען אלאנגען „סוירטיפיקייט" פון אן איינען דאקטאר אז ער ליידעט געוואלדיג אויף הינער־אויגען. אבער וואס הייסט ליידען? ליידען צו ליידען איז ניט גלייך. מר. וויינשטיין, זאגט אז אט דער פראפעסאר, וואס האט געמאכט א גענויע אונטערזוכונג איבער זיינע לאצען האט אויסגעפונען אז ער מוז גלייך פארלאזען זיין ארבייט און זיך פאהרען קורירען, אז ניט! — ווייס איין גאט וואס עס קען פאסירען. מ'זאגט, אז דער דאקטער זאל איהם האבען געזאגט, אז ער מעג גלייך פון זיך ארונטערווארפען דעם יאך פון טרייבען מאשינען אין זיין שאפ. אמווייניגסטען מוז ער גלייך פארקלענערען זיין שאפ פון 80 מאשינען אויף 24. אזוי זאגט ער, האט איהם דער פראפעסאר אנגעזאגט. און וואס דער פראפעסאר האט איהם געזאגט האט ער זיך ניט געפוילט און געזאגט זיינע ארבייטער.

וואלט ער געהאט שלעכטע ארבייטער, אן א נשמה און מיטגעפיהל, וואלטען זיי זיך ווייטער אויפגעהויבען און אויסגענאגען פון שאפ. איז אבער מר. וויינשטיין מזל'דיג אין דיזען הינזיכט פונקט ווי ער איז געווען און איז נאך היינט, מזל'דיג אין ביזנעס. די ארבייטער לייבען איהם, און זיי קענען נאר ניט ארויסלאזען אויפ'ן מארך דעם בייזען געדאנק צו פארלאזען זייער ארימען, קראנקען און פיזיש צובראכענעם בעל־הבית אין אזא טרויעריגער לאגע, נאכדעם ווי זיי האבען פאר איהם אפגעארבייט אזוי פיל יאהרען ווען ער איז געווען אין דעם גלאנץ פון זיין לעבען. די ארבייטער זאגען, אז דאס וואלט געווען זייער ניט שעהן פון זייער זייט צו פארלאזען דעם שאפ גראדע איצט ווען גאט האט זיך אזוי צוצאהרענט אויף דער פירמע. זיי האבען באשלאסען צו ווארטען ביז מר. וויינשטיין וועט צוריק געזונט ווערען.

לאמיר האפען, אז זיי וועלען לאנג ניט דארפען ווארטען. מיר ווייסען, אז אמת'ע פריינדשאפט איז דער בעסטער מעדיצין, און די דעמאנסטראציע פון פריינדשאפט מצד די ארבייטער וועט זיכער האבען א שנעלע ווירקונג צום גוטען, נאך אלעמען קען דאך א פראפעסאר אויך א טעות מאכען.

דזש. העלער, סעקר.

דער טשארטער יום טוב פון דעם קלאוקמאכער ברענטש פון דער סאציאליסטישער פארטיי

אין דער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג איז צוגעקומען א גרויסע ארגאניזאציע. די קלאוק מאכער מעמבערס און פיהרער פון דער קלאוק מאכערס יוניאן האבען ארגאניזירט א ברענטש פון דער סאציאליסטישער פארטיי. לעצטען פרייטאג אבענד איז געווען א גרויסע באגייסטערטע פארזאמלונג פון קלאוק מאכער און עס איז זיי איבערגעגעבען געווארען, א פארטיי־טשארטער צו זיין א ברענטש פון דעם אידישען סאציאליסטישען פארבאנד.

„און עס וועט זיין א מוסטער־ברענטש", האבען די רעדנער געזאגט.

„פונקט ווי מיר האבען אויפגעבויט א ריזיגע מוסטער יוניאן, וואס איז א שטאלץ אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, אזוי וועלען מיר אויפבויען א קלאוק־מאכער מוסטער־ברענטש פון דער סאציאליסטישער פארטיי, מיט וועלכע די גאנצע אידישע סאציאליסטישע באוועגונג וועט שטאלצירען".

דאס איז געווען דער מאטיוו פון די פייערליכע רעדעס און די יום טוב'דיגע שטימונג פון דער פארזאמלונג, ווען דער ברענטש איז אינסטאלירט געווארען.

די פארזאמלונג איז געווען אין סטייוועזענט קאסינא, סעקאנד עווענץ און אטע סטרים, עס איז געווען פארבונדען מיט א שעהנעם קאנצערט און אלע ביי דער פארזאמלונג האבען געפיהלט, אז עס איז א פיאנירען־פארזאמלונג און סאציאליסטען פון אנדערע טריידס און אנדערע יוניאנס וועלען די קלאוק מאכער נאכטאן.

א הארציגע רעדע ביי דער פארזאמלונג האט געהאלטען דער סאציאליסטישער קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן, ער האט כאראקטעריזירט די איצטיגע לאגע אין לאנד און ספעציעל אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג און האט געמאכט א ווארימען אפיעל פאר סאציאליסטישע ארבייט, צו רעקרוטירען אין דער סאציאליסטישער פארטיי אלע סאציאליסטישע טרייד יוניאניסטען, וועלכע האבען באוויזען וואונדער אין אויפבויען מעכטיגע יוניאנס.

די גענאסען אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס", און מאריס הילקוויט האבען צוגעשיקט ספעציעלע באגריסונגען צו די קלאוק מאכער פאר דער נייער שעהנער ארבייט, וועלכע זיי אונטערנעהמען. הילקוויט האט זיין באגריסונג געשיקט דורך א בריף צו דער יוניאן און אב. קאהאן'ס באגריסונג האט איבערגעגעבען גען. ה. לאנג, לייבאר עדיטאר פון „פארווערטס" און איינער פון די רעדנער ביי דער פארזאמלונג.

פאר דעם אידישען סאציאליסטישען פארבאנד האט גערעדט גען. י. וויינבערג, א מיטגליד פון פארבאנד'ס עקזעקוטיוו. ער האט ערקלעהרט, אז דעם פארבאנד'ס ארבייט ניט צו דערלאזען צושפליטערען די יוניאנס און העלפען די יוניאנס אין זייערע גרויסע אויפגאבען ווערט באגריסט פון אלע בויער פון דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא. וויינבערג האט דעם קלאוק מאכער סאציאליסטישען ברענטש אינסטאלירט אלס א פארבאנד ברענטש און דורך אן אפעלירענדע רעדע האט גען. גערבער, דער סעקרעטער פון דער סאציאליסטישער פארטיי לאקאל ניו יארק, איבערגעגעבען די קלאוק מאכער דעם טשארטער פון דער אלגעמיינער סאציאליסטישער פארטיי. דער טשערמאן פון דער פארזאמלונג איז געווען ברודער סאול מעטץ. מעטץ איז דער ארגאנייזער פון קלאוק מאכער סאציאליסטישען ברענטש. ער האט די פארזאמלונג געעפענט מיט א רעדע, וואס האט גערופען די קלאוקמאכער צו ארגאניזירען זיך פאליטיש, אזוי ווי זיי זיינען ארגאניזירט פאר זייערע עקאנאמישע אינטערעסען אין דער גרויסער יוניאן.

אן אינטערעסאנטע רעדע האט ביי דער פארזאמלונג געהאלטען איזראעל פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוק מאכערס יוניאן, אין וועלכע ער האט פארשפראכען צו זיין טעטיג אין ברענטש און דורכ'ן ברענטש אין דעם סאציאליסטישען פארבאנד און סאציאליסטישע פארטיי. „איך בין א סאציאליסט שוין פילע יאהרען — האט פיינבערג געזאגט — א מעמבער אין דער פארטיי בין איך אבער ביז איצט ניט געווען. איצט אבער, ווען די פארטיי איז ארומגערינגעלט פון שונאים און עלעמענטען, וועלכע ווילען איהר ניט דערלאזען צוקומען נעהענטער צו די אמעריקאנער ארבייטער מאסען, איז אלעמענס פליכט צו שטעלען זיך ביי איהר זייט און העלפען איהר טאן די גרויסע ארבייט".

פיינבערג, אזוי ווי מעטץ און ה. לאנג, האבען אנגעוויזען, אז טרייד ברענטשעס אין סאציאליסטישען פארבאנד וועלען קיינמאל ניט ווערען שטערענדע גרופען אין יוניאן, נאר וועלען די פראקטישע ערפאהרונג פון די יוניאנס אריבערטראגען אין דער סאציאליסטישער פארטיי.

דער קלאקמאכער סאציאליסטישער ברענטש האט שוין ארום צוויי הונדערט מיטגלידער. זיי זיינען אלע אקטיוו אין דער יוניאן, אלס שאפ־טשערלייט און עקזעקוטיוו באארד מעמבערס.

אין קאנצערט פון דער אינסטאליישאן פארזאמלונג האבען זיך באטייליגט דער יונגער פידעל קינסטלער ל. גאלדבערג; דער טשעליסט זעאך; דער שוישפילער לאזאר פריער, וועלכע איז געבעטען געווארען צו קומען פון דער אקטיארען יוניאן און האט געזונגען שעהנע פאלקס־לידער און גען. ב. באטווינניק, וועלכער האט געמאכט א היט מיט פארלעזונגען פון זיינע הומאריסטישע שריפטען. גען. באטווינניק איז איינער פון די טוער פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד.

ביים מיטינג זיינען אויך געווען געסט — גען. כאנין, דער סעקרעטער פון פארבאנד, און טעטיגע מענשען פון דער פאריערס יוניאן און נעקוועער מאכערס יוניאן. אלס פינאנס סעקרעטער פון ברענטש איז ערוועהלט געווארען מים בערקאוויטש, פון דעם אפיס־סטעף פון קלאוק מאכערס דזשאינט באארד.

ב. קוק.

ווער זיינען די פאפולערסטע אידישע קינסטלער אין אמעריקא?

אום פעסטצושטעלען, ווער עס זיינען די וויכטיגסטע און אינטערעסאנטעסטע אידישע שרייבער, די באליבסטע אקטיארען און אקטריסעס, די פעהיגסטע און עהרליכסטע אידישע ארבייטער־פיהרער און כלל טוערס אין די בעסטע חזנים, זינגער און מוזיקער אין דיזען לאנד איז, אויף דער איניציאטיווע פון דעם בית מחסה ליתומים בנות ישראל, אראנזשירט געווארען א „פאפולאריטי קאנטעסט", אין וועלכען עס וועט זיך קענען באטייליגען יעדער איינער פון פאלק, אנגעבענדיג אויף א ספעציעלען שטים־צעטעל די נעמען פון די, וועלכע ער אדער זי באטראכטען אלס די בעסטע.

דער קאנטעסט וועט געפיהרט ווערען שטרענג אומפארטייאיש, און די שטימען, וואס וועלען אנגעגעבען ווערען וועלען געצעהלט ווערען אונטער דער אויפזיכט פון א פראמינענטער קאמיטע, אין וועלכער עס וועלען אריינגעהן פארשטעהער פון אלע אידישע צייטונגען און פון יעדען קלאס, וועלכען דער קאנטעסט נעמט ארום.

פאר יעדער אפגעגעבענער שטימע וועט מען דארפען ביישטייערן בלויז 5 סענט, און די גאנצע איינגאמע וועט געהן פאר דער דערמאנטער אינסטיטושאן, וועלכע האט די אויפגאבע צו באזארגען מענליך מיט אלעס, וואס נויטיג איז, הונדערטע ארימע יתומים, וועמעס עלטערן זיינען געצוואונגען צו געהן ארבייטען אום צו פארדינען זייער ברויט.

די פאלקס קאנפערענץ וועט זיך אנפאנגען דעם 15טען דזשון און וועט זיך שליסען דעם 15טען אקטאבער מיט א גראנדיעזען פאלקס־באנקעט אין עהרע פון די אויסערוועהלטע.

נאך מעהר איינצעלהייטען וועגען דיזען קאנטעסט קען מען זיך ווענדען צו דעם סעקרעטאר פון דער „פאפולאריטי קאנטעסט קאמיטע", 220 איסט 5טע סט. ניו יארק.

צו די פילאדעלפיער ווייסט און דרעסמאכער און זייערע פריינד!

זייט איהר שוין גרייט פאר אונזער יום־טוב?

זונטאג, דעם 18טען דזשון, וועט פארקומען די ווידער־ערעפענונג פון אונזער יוניטי הויז, אין ארוויליע, פענסילוועניא.

דיזער טאג איז אלע מאל געווען א יום־טוב פון אונזער יוניאן און פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג אין פילאדעלפיא. הונדערטער ווייסט און דרעס־מאכער און אויך אנדערע ארבייטער קומען זיך צוזאמען צו פייערען דעם גיים־מינגען צוזאמענבונד פון אונזער ארגאניזאציאן.

עס איז צו ערווארטען היינטיגען מאל מעהר ווי אימער, דאס אונזערע מעמבערס זאלען אויסנוצען דיזען טאג צו דעמאנסטרירען אונזער אייניגקייט. קיין זאך קאן נישט אזוי שטארק צוזאמענבינדען מענשען ווי א יום־טוב.

די קראפט פון דעם ארבייטער קלאס באשטעהט נאר אין זיין אייניגקייט.

און לאמיר אלע צוזאמען קלייבען באגייסטערונג פאר אונזער צוקונפטיגער טעטיגקייט, און קאמף מיט די באלעבאטים.

א אויסערגעוועהנליכער קאנצערט מיט באקאנטע טאלאנטען וועט צו דער געלעגענהייט געגעבען ווערען. א חוץ דעם וועלען מיר האבען פילע געסט, ווי ברודער שלעזינגער, ברודער באראף פון ניו יארק און אנדערע פון אונזער איינגעזעסענע שטאדט, וואס וועלען אנטייל נעמען אין דיזען יום־טוב.

באזארגט זיך גלייך מיט טיקעטס פאר דעם אפענינג, ווייל בלויז א באשרענקטע צאהל קאנען ארויספארען אויף איין מאל.

טיקעטס קאן מען קריגען אין אפיס פון דער יוניאן ביז מיטוואך, דעם 14טען דזשון. דער פרייז פאר דיזען איז בלויז 2 דאלער.

די יוניטי הויז וועט זיין שוין איינגעפיקסט פולשטענדיג מיט אלעס פאר א גוטער וואקיישאן. דער נייער ביידינג פלאץ וועט שוין אויך קאנען גענוצט ווערען. די רפרייז פאר דעם זומער וועט זיין 13.50 א וואך אנשטאט 15 דאלער, ווי עס איז געווען פאראיאהרען. א ספעציעלע טריין איז אראנזשירט געווארען פאר דער אפענינג, וואס וועט פארלאזען די סטיישאן זונטאג 9 אוהר מארגענס פון רעדינג טוירמינאל.

מיט איין ווארט, אלעס איז פארבערייטעט פאר א טאג פון פארגעניגען. קומט גלייך און רעדזשיסטרירט זיך.

מיט גרוס,

די יוניטי קאמיטע.

ה. בערענשטיין, סעק

זינע קאמיטע האט די לעצטע עטליכע טעג געהאלטען אין איין קאנפערירען. מאנטאג, דעם פינפטען יוני איז געווען די לעצטע קאנפערענץ, אין וועלכער די יוניאן איז געבליבען פעסט אויף איהר שטאנד ; זי האט נאר פארגעשלאגען אז וואס אנבאטרעפט די פראגע פון ווייזשעס איז זי ווילינג, אז עס זאל אויסגעוועהלט ווערען פאר די נעקסטע זעקס מאנאטען א קאמיטע, וועלכע זאל מאכען א גרינדליכע אונטערזוכונג, און דאן דעם קומענדען יאנואר האבען ווידער א צוזאמענקונפט איבער דער פראגע. איצט איז עס, אלזא, אין די הענט פון די מאנופעקטשורערס, און ווי האבען אין דער פראגע דאס לעצטע ווארט. מיר ווידערהאלען ביי דיזער געלעגענהייט נאך אמאל אונזער האפנונג, אז עס וועט זיגען דער געזונטער פארשטאנד, די אונבאשטרייטבארע לאגיק, די אבסאלוט-גערעכטע שטעלונג פון דער יוניאן ; דאס די באסעס וועלען איינזעהן, אז אלע זייערע פאדערונגען, א חוץ דעם, וואס זיי זיינען ניט קיין גערעכטע, זיינען קליינינקייטען לגבי דעם גרויסען קאנסטרוקטיווען פארשלאג, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט זיי געמאכט פאר דער אויסראטונג פון דעם זאגענאנטען „סוועטיל שאפ", וואס איז אן אמת'ע מכה אויף דער קלאוק אינדוסטריע. אט פאר דער אויספיהרונג פון דעם פלאן דארפען די פאראנטווארטליכע, לעגיטימע מאנופעקטשורערס צוזאמען מיט דער יוניאן נעמען ארבייטען מיט אלע זייער כחות. און דאן ערשט, ווען די קלאוק-אינדוסטריע וועט אויסגעשטעלט ווערען אויף א געזונטען בארג, און וועט ניט מעהר זיין קיין שלח-מנות-ארבייט וועט זיין צייט צו ריידען וועגען נייע פאדערונגען.

די קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל.

נעקסטען מאנטאג, דעם 12טען יוני, פאנגט זיך אן אין סינסינעטי, אהייא, די 42סטע יעהרליכע קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר. עס וועלען דארט זיין פארטראטען ארום א 5 מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער פון באלד 600 דעלעגאטען. וועלכע פראגען עס זאלען דארט ניט קומען צו פארהאנדלונג, און וועלכע באשליסען עס זאלען ניט געפאסט ווערען, — וועלען זיי אבער זיכער זיין דער אויסדרוק פון דער גאנצער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין לאנד. ניט פון א קלייזעל, ניט פון אן אומבאדייטענדער מינאריטעט, נאר פון'ם גרויסען ארבייטער-פאלק פון אמעריקא. אזא שטימע פון פאלק, קלאר אויסגעשפראכען, צי מיר זיינען איינפארשטאנען מיט איהר, צי ניט, פארדינט אונזער פולסטע אויפמערקזאמקייט און אויך אונזער אכטונג. צי מיר ווילען, צי ניט רעכנען זיך מוזען מיר מיט איהר. אהן איהר, וואס מיר זאלען ניט אונטערנעהמען, וועלכע הויך-פליהענדע פלענער מיר זאלען ניט האבען, זיינען מיר איינפאך מאכטלאז, און אלע אונזערע אנשטרענגונגען, און אונזערע בעסטע כוונות וועלען געהן אין ניוועץ.

⁂

דערפאר איז א לייכטזיניגער צוטראגען זיך צו דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. פשוט נאריש און אונפארציייהליך. פיל ערגער אבער איז עס צו מיסרעפרעזענטירען, צו פארדרעהען די פאסירונגען פון אזא קאנווענשאן נאר דערפאר, ווייל זיי גראמען זיך ניט מיט אייגענע ליבלינגס-טעאריע. דאס איז איינפאך פארברעכעריש. אין דער היגזיכט האט אונזער פרעסע, — און מיר מיינען דא די פרעסע, וועלכע האלט זיך פאר פארטגעשריטען, — שטארק געזינדיגט. וויכטיגע, גרויסע אויפטואונגען האט מען אדער פארשוויגען אדער זיי געמאכט צו קליינגעלד, און אפט אויף משונה'דיג, קאריקאטוריש פארקריפעלט. דערמיט האט מען פארפיהרט פילע לעזער צו גאנץ פאלשע באגריפען וועגען דעם אמת'ען כאראקטער פון דער א. פ. אוו ל. דאס האט געפיהרט דערצו, אז נאר פילע גוטע, עהרליכע ארבייטער-מוחות זיינען פשוט פאר'סמ'ט געווארען בנוגע צו דער א. פ. אוו ל. ד. ה. בנוגע צו דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער-באוועגונג. צו דער דאזיגער פראקטיק מוז געהמען א סוף. די א. פ. אוו ל. דארף אפגעשעצט ווערען, לויט איהרע אמת'ע פארדינסטען און איהרע אמת'ע פעהלערען. און דערצו איז נויטיג, אז די פאקטען זאלען איבערגעגעבען ווערען ריכטיג, ניט פארדרעהט און ניט פאר'פשט'עלט, וואס די „גערעכטיגקייט" האט ביז איצט געטאן, און וואס זי וועט אויך געוויסענהאפט ערפילען דאס מאל און אין דער צוקונפט.

⁂

מיר האבען נאך ניט פאר זיך דעם רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו-קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל., און קענען דערפאר איצט ניט געבען קיין איבערבליק איבער דער ארבייט פון דער א. פ. אוו ל. פאר דאס פארגאנגענע יאהר. דאס וועט מוזען אפגעלעגט ווערען אויף נעקסטע וואך. מיר ווייסען ניט, וועלכע פראגען עס וועלען פארטעבראכט ווערען

און צולעצט אביסעלע קריטיק

פון ש. יאנאווסקי

איבער צוויי הונדערט רעזאלוציעס זיינען אריינגעקומען צו דער קאנווענשאן. ווען יערע פון זיי וואלט דיסקוטירט געווארען בלויז 10 מינוטען, וואלט דאס אליין געמוזט פארשלינגען א גאנצע וואך פון דער קאנווענשאן. און עס קען זיין, אז מיר וואלטען נאך איצט, באלד א מאנאט נאכדעם, ווי די קאנווענשאן האט זיך געענדיגט, ניט אין גאנצען פארטיג געווארען מיט איהר. דאך איז די קאנווענשאן מיט א פאר עקסטרא זיצונגען געשלאסען געווארען אין צייט, וואס דאס קען איינעם מאכען דענקען, אז די מעהרסטע רעזאלוציעס האבען ניט געקראגען די נויטיגע אויפמערקזאמקייט. אבער דאס איז ניט אזוי. ערשטענס זיינען א היבשע צאהל פון די רעזאלוציעס געווען אזעלכע, איבער וועלכע מען האט ניט באדארפט דיסקוטירען, ווייל עס האט ניט געהערשט קיין מיינונגס-פארשיידענהייט וועגען זיי ; צווייטענס, זיינען איבער געוויסע פראגען אריינגעקומען פילע רעזאלוציעס כמעט פון איין און דעמזעלבען כאראקטער, און די פארשיידענע קאמיטעס האבען אין די מעהרסטע פעלע אויסגעקליבען די סאמע אויסגעשפראכענסטע און ארויסגעגעבען איבער איהר אורטייל, צום לעבען אדער צום טויט ; דריטענס, האבען אונזערע דעלעגאטען זיך אויסגעלערענט צו האלטען גאנץ קורצע רעדען, און דאך זאגען דאס וויכטיגסטע, וואס זיי האבען געוואלט. די דריי אנגעגעבענע מאמענטען האבען עס געמאכט מעגליך, אז איבער געוויסע וויכטיגע פראגען זאל די קאנווענשאן קענען דיסקוטירען גאנץ ברייט, און זיך ניט רעכענען צו שטארק מיט דער צייט. ווען די דעבאטע איז געווען פון אזא סארט, האט דער פרעזידענט אפט פארגעסען צו קוקען אויפ'ן זייגער, און האט ניט שטארק מדקדק געווען, ווען די רעדנער זיינען איבערגעטראטען דעם גרענעץ פון די באשטימטע צעהן מינוטען.

איך האב שוין אין די פריהערדיגע ארטיקלען אפגעשטעלט זיך אויף די וויכטיגסטע פראגען פון דער קאנווענשאן, און אויף דעם, ווי די קאנווענשאן האט זיי ענטשיידען. פילע וויכטיגע פראגע זיינען איבערגעלאזען געווארען צו דער ענטשיידונג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, ווייל די קאנווענשאן האט אנערקענט, אז די מעהרסטע דעלעגאטען, זייענדיג מעהר אדער ווייניגער ווייט פון דער פראקטישער ארבייט, קענען ניט נעהמען אויף זיך די גרויסע פאראנטווארטליכקייט פון אן ענטשיידונג, וועלכע קען אפשר גאר שעדליך אויסגעפיהרט ווערען. איבער דיזע פראגען וועט אויסקומען צו ריידען ווען דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז זיינע נעקסטע פערטעל-יעהרליכע מיטינגען וועט זיי באהאנדלען און באשליסען וועגען זיי. דא, אין מיין לעצטען ארטיקעל וועגען דער קאנווענשאן, וויל איך אנווייזען אויף א פאר רעזאלוציעס, וועלכע, נאך מיין מיינונג, באטש זיי זיינען שטארק דעבאטירט געווארען, און מאנכע דעלעגאטען האבען זיך שטארק געקאכט אין די דעבאטען, זיינען ניט גענוג גרינדליך באטראכט געווארען, און זייער ענטשיידונג, ווי מיר שיינט, איז שטארק אין ווידערשפרוך מיט דעם גייסט און פאליסים פון דער אינטערנעשאנאל.

די ערשטע איז די רעקאמענדאציע פון דער קאמיטע אן טהי אפיסערס רעפארט וועגען דעם „שונא פון דרויסען."

לאמיר דא איבערגעבען ווערטערליך די גאנצע רעקאמענדאציע פון דער קאמיטע, כדי דער לעזער זאל ריכטיג פארשטעהן, וואס אייגענטליך מיר האבען געגען דיזע רעקאמענדאציע.

„א פארזיכטיג איבערלייענען פון די ווייטלאך פון דעם רעפארט, וועלכע זיינען געווידמעט צו די טעטיגקייטען אין מאנכע פון אונזערע לאקאלס, האט געמאכט דעם איינדרוק אויף אייער קאמיטע, ווי דאס האט געמוזט אודאי זיין דער פאל מיט די דעלעגאטען צו דער

אויף דער קאנווענשאן ; מיר ווייסען ניט, וועלכע נייע ערפאהרונגען עס האט געבראכט דאס פארגאנגענע יאהר צו דער אלגעמיינער ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקא. אבער, אויב עס זיינען דא אזעלכע, וועלען זיי זיכער זיך אפשפיגלען אויף דער קאנווענשאן, און מען קען דארום ערווארטען אן אינטערעסאנטע און וויכטיגע קאנווענשאן. דער פאקט איז, אז די קאנווענשאנס פון דער א. פ. אוו ל. זיינען אימער אינטערעסאנט, — אינטערעסאנט, ווי אלץ, וואס לעבט און קעמפט פאר א בעסערע, א נייער געשטאלטונג פון לעבען.

קאנווענשאן אין ארגעמיין, אז נאר א גרויסער טייל פון די מחלוקות און ריי־ענישן, וואס איז פארגעקומען און קומט נאך איצט פאר אין מאנכע אונזערע לאקאלס אין ניו יארק, שטאמט דירעקט פון די מאכינאציעס פון פרעמדע, אויסערדע „קאר־רעפערס", וועלכע פארמאסקירט אונטער דעם מאנטעל פון בלומען־טשורינען ראדיקאליזם, אריינצודריסען זיך אין מאכט אויף דער כוואליע פון פארניכטונג און כאאס, וואס זיי האפען צו קענען אנמאכען אין דער ארבייטער־באוועגונג.

„אייער קאמיטע שטימט דארום פאלקאם איין מיט דעם אופן, ווי דער אפיסערס רעפארט רעדט אויף דעם ביזאט, די פראפעסיע און צושטערונג־צילען פון דעם „שונא פון דרויסען". אייער קאמיטע רעקאמענדירט, דאס דיזע קאנווענשאן זאל אויסדריקען איהר גאנצען צארן און פראטעסט געגען דיזע בייזוויליגע „ויר־ארייננמישער" און צושטערער און ווארנען אונזערע מעמבער און פרויען געגען דיזע פינסטערע איינוויר־קונגען, וועלכע ווערען געצילעוועט ניט צו זייער וואוילזיין, וועלכע מיינען ניט זייערע אינטערעסען, נאר וועלכע זוכען צו פארניכטען אלעס וואס איז אויפגעבויט געווארען דורך אזויפיל מיה און אפפער."

נאך א לענגערע דעבאטע איז די דאזיגע רעקאמענדאציע אנגענומען געווארען מיט 138 געגען 50. איז, ווי מיר דוכט זיך, מיט אונרעכט. און ניט, ווייל איך בין ניט איינפארשטאנען מיט דעם אינהאלט פון דער דאזיגער רעזאלוציע, נאר, ווייל זי איז, לויט מיין מיינונג, צו שרעקליג, ווייל זי איז א שאס אין דער לופט; ווייל עס איז ניט גענוג געווארען אין קלארע דיבורים, וועמען די רעקאמענדאציע מיינט צו טרעפען ; ווייל די שולדיגע, — די, וועלכע מיינען ווירקליך צו ברעכען אונזערע יוניאנס, האבען נעראפט פון דער קאנווענשאן געבראנדמארקט ווערען, אזוי, אז אלע זאלען ווייסען, ווער דאס זיינען יענע חברה יוניאן־ברעכער.

אזוי קומט אויס, אז די קאנווענשאן אליין איז ביי זיך ניט זיכער, ווער זיי זיינען, און וואס זיי טוען, און דארום באנוצט זי זיך מיט אלגעמיינע פראזען, וועלכע אייגענטליך זאגען גארניט. צום ביישפיל, דאס ווארט „אויסערדיגע זיך־ארייננמישער". ווייס איך ניט, וואס דאס מיינט. איינער קאן זיין ניט אין דער יוניאן, ער קאן זיין אן אויטסיידער, און דאך האבען א מיינונג איבער א געוויסער יוניאן אנגעלעגענהייט, וועלכע זאל זיך אונטערשיידען פון דער מיינונג פון די יוניאן־פיהרער, און דאך מיינען עס גאנץ עהרליך און ערנסט. אזא מין „קאכלעפעל", ווי ניט אנגענעהם עס זאל זיין זיין ארייננמישען זיך אין די אינערליכע יוניאן־אנגעלעגענהייטען, קאן ניט באטראכט ווערען, אלס איהר שונא. א מאדערנע יוניאן, ווי זי איז איצט, און מיט איהר איינפלוס, וואס זי האט אויף דעם עפענטליכען לעבען, קען ניט באטראכט ווערען, און איז ניט א פריוואט־ארגאניזאציע ; א יוניאן איז אן עפענטליכע אינסטיטוציע, און, אלס אזעלכע, איז זי אונטערווארפען דער עפענטליכער אפשעצונג, דער עפענטליכער קריטיק. און, נאטירליך, ניט אלע מענשען קאנען גלייך דענקען און אורטיילען איבער א געוויסע עפענטליכע פאסירונג. איינער מעג זיך צורייסען לויבענדיג איהר ; און דאס איז דאך געוויס אנגענעהם פאר די שולדיגע, פאר די אויס־טוער פון דער פאסירונג, מוזען זיי דערפאר גאנץ געמיטליך, אויב זיי קענען עס, און אויב ניט, איז מיט פארדריקטע ציין, אויסהערען אויך אן אורטייל, וואס איז געגען זיי, און דאך ניט פארדאמען די דאזיגע קריטיקער, אלס שונאים פון דרויסען.

דערפאר איז עס איינפאך אונמעגליך, אז דער רעפארט פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, ווי אויך דער רעפארט פון דער „קאמיטע אן טהי אפיסערס רעפארט", זאל האבען געמיינט צו פארדאמען יעדע אויטסיידיגע קריטיק, נייין, געמיינט האבען זי דער רעפארט, אי זיינע קאמענטאטארס, א געוויסע באשטימטע קליקע, וועלכע מיינט ניט צו קריטיקירען, אום צו מאכען די יוניאן שטארקער, בעסער, נאר, וועלכע, צוליב גאנץ פערזענליכע געמיינע צילען, מיינען צו צוברעכען די יוניאן ; וועלכע האלטען אין איין ליגען־זאגען, אין איין פארלוימדען די יוניאן און איהרע פיהרער. טו ווארום שאנעווען זיי? ווארום זיי ניט אנרופען ביי די נעמען, ווארום ניט שטעמפלען זיי, אלס די קין'ס, וואס זיי

זיינען ? פאר וואס האט די קאנווענשאן ניט געקאנט ארויסרופען ביים נאמען די צעגל־ריסנים, „קאר־רעפערס", וועלכע האבען ביים אויפדעכען עווילליכע מיטלען געשפרייט זיך אונטער צופראגען אונטער די אינטערנעשאנאל און אויב זיי האבען עס ניט אויסגעפיהרט איז עס ניט, ווייל זיי האבען ניט געוואלט, נאר ווייל זיי האבען ניט געקאנט, ווייל זייער כוחות, נאר ווייל זייערע כוחות זיינען געווען אזוי קליין און נישטיג.

מיר דענקען דאריום, אז דא האט באנאנגען די קאנווענשאן א שטארקען טאקטישען פעהלער. זי האט בארדאפט סאן איינס פון די ביידע, אדער זי האט צווייג טאקטישע צילען, כדי „די נאנע ניט צו צורייצען", געשענט די נאנצע פראגע איגנארירען, אדער זי האט נעדארפט ארויסקומען מיט קלארע דבורים און מיט דער שארפסטער פארדאמונג געגען די דאזיגע ריטע לינגער און פארלוימדער. זי, וועלכע שטערען זיך ניט אם פאר קיין זאך, און מען עס זיין די שמוציג, ווי פאליש, ווי נעמיין, אום צו שטערען אונזער יוניאן, אום צו צוברעכען דאס, וואס האט געקאסט אזוי פיל מיה און אפפער — ווי האבען ניט געטארט געשאנעוועט ווערען אויף דער קאנווענשאן, אלע אכטונג פאר דעם קריטיקער, פאר דעם עהרליכען מענשען, וואס מיינט מיט זיין קריטיק צו מאן גוטעס פאר דער יוניאן. כאטש וועהר אפט קען די קריטיק זיין א נארישע, באגרינדעט אויף שלעכטע אינפארמאציע, אבער וויבאלד די כונה איז א גוטע, קענען מיר עס פארשטעהן און מוחל זיין, אבער געגען דעם בייזווילינען פארלוימדער, געגען דעם וואס זוכט מיט ליכט עפעס, וואס זאל קענען די יוניאן דיסקרעדיטירען, און אויף אזא אופן אפשוואכען איהר איינפלוס, און העלפען דירעקט און אינדירעקט אונזערע בעלי בתים, געגען אזא נפש איז יעדע נאכזיכט אין גאנצען איבער פראג, און ערפאר פארדריסט עס מיר ווירקליך וואס אונזער קאנווענשאן האט אנגעזען מען אזא מין רעזאלוציע, וועלכע מיט איהר אונבאשטימטקייט קען טרעפען דעם אונשולדיגען, ווי דעם שולדיגען.

די צווייטע רעזאלוציע, וועלכע איז לויט מיין מיינונג, ניט גאנץ גרינדליך באטראכט געווארען, כאטש זי איז גאנץ שטארק און מיט פיל ליידענשאפט דעבאטירט געווארען פון פילע רעדנער, איז די, אין וועלכער אונזער אינטערנעשאנאל פארבינדט איהר שיקזאל מיט דעם שיקזאל פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

אט איז די רעזאלוציע, ווי זי איז אויסגעארבייט געווארען פון דער „רעזאלוציאנס-קאמיטע, אלס א „במקום" פון דער רעזאלוציע, וועלכע איז אריינגעבראכט געווארען פון די דעלעגאטען דזשייקאב האלפערן, י. פיינבערג, ל. לאנגער, סאל מיטץ, ה. סקוהלמאן, סאל ווירדמאן און ה. רובינסקי : „אזוי ווי די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן האט שטענדיג אקטיוו אונטערשטיצט די סאציאליסטישע פארטיי פון די יונייטעד סטייטס, אלס דעם פאליטישען ארם פון דער ארבייטער-באוועגונג ; און אזוי ווי די סאציאליסטישע פארטיי האט ארויסגעלאזען אן אויפרוף פאר די איינינקייט פון דער גאנצער ארבייטער-באוועגונג אויף דעם פאליטישען פעלד, און איז אקטיוו אין דער ארבייט פאר די פארווירקליכונג פון א פאראייניגטער פארטיי פונ'ם ארבייטער-קלאס, באשליסען מיר דארום, דאס די א. ל. ג. וו. י. פארערט אויף איהר מעמבערשיפ און אלע איהרע אפיליאירטע לאקאלס צו אונטערשטיצען די לאקאלע, שטאדט און נאציאנאלע קאמפיינס פון דער פארטיי, וועמעס ציל איז די אפשאפונג פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, און וועמעס פאליסים און קאנדידאטען שטעהען ביי אונזער ארגאניזאציע און ביי דער באנאפיידע ארבייטער-באוועגונג פון אונזער לאנד."

איך מיין, אז די דאזיגע רעזאלוציע האט ניט באדארפט אנגענומען ווערען אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל, און צוליב פאלגענדע גרינדע : דערזוויל, ווי באקאנט, כאטש די שטימונג פון דער אינטערנעשאנאל איז אימער געווען א מעהר אדער ווייניגער סאציאליסטישע, אבער זי האט נאך ביז איצט זיך קיינמאל ניט אידענטיפיצירט מיט דער סאציאליסטישער פארטיי, איינפאך דערפאר, ווייל נאך פילע יאהרען פון ערפאהרונג מיט פאליטישע קעמפע אין אונזערע יוניאנס, איז מען געקומען צום אונפארמיידליכען שלוס, אז פאר דאס לעבען און גדייהען פון דער יוניאן איז דאס גלייכסטע ניט צו אידענטיפיצירען זיך מיט קיין פאליטישער

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President. — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. IV. No. 23. — New York, Friday, June 9, 1922.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

די פאדערונגען פון די קלאק-מאנו-
פעקטשורערס און דער ענטפער אויף
זיי פון דער יוניאן.

אויף דער צווייטער קאנפערענץ פון לעצטען מיטוואך, דעם 31טען מאי, זיינען שוין די פארשטעהער פון דער „פראטעקטיוו" געקומען מיט קלאר-אויסגעארביטע פאדערונגען: ערשטענס, האבען זיי פארלאנגט א פארקלענערונג פון דעם איצטיגען וויידזש-סקייל; צווייטענס, דאס רעכט צו רעארגאניזירען אין א געוויסער צייט פון יאהר זייערע שעפער און קענען אפזאגען וויפיל ארבייטער, און וועמען זיי ווילען, און ניט מוזען געבען קיינעם קיינע ערקלעהרונגען וועגען דעם; דריטענס, די אפשאפונג פון דעם פון לאנג-אנגענומענעם מנהג צו באצאהלען די ארבייטער פאר זעקס ליגאל האלידעיס; און פערטענס, אז די בעלי בתים זאלען אין קיין הינזיכט ניט געשטערט ווערען פון דער יוניאן ארייצושטעלען נייע ארבייטס-איינשפארענדע מאשינען.

*

דער ספאוקסמען פאר די מאנופעקטשורערס איז געוועזען דער באקאנטער לאיער, מאקס ד. סטייער. פאר דער יוניאן האבען גערעדט דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, ב. שלעזינגער, און מאריס הילקוויט. עס וועט זיין, גלויבען מיר, פאר אונזערע לעזער העכסט-וויכטיג און אינטערעסאנט צו וויסען די ארגומענטען, וועלכע זיינען אנגעגעבען געווארען פון ביידע זייטען. אבער צוערשט זאל דא גלייך אויפמערקזאם געמאכט ווערען, אז די פאדערונגען פון לעצטען נאוועמבער, ווי די ענדערונג פון דעם סיסטעם פון וואך-ארבייט אויף שטיק-ארבייט, די פארלענגערונג פון דעם ארבייטס-טאג, סטענדערד און פראדאקשאן, — די הויפט-פאדערונגען פון די מאנופעקטשורערס, און צוליב וועלכע ביי זיי איז רעכט געוועזען צו ברעכען אן אגרימענט און דערלאזען צו א עהן-וואכיגען קאמף — דיזע אלע פאדערונגען זיינען אפילו ניט דערמאנט געווארען. פאר דעם איז דא נאר איין איינציגע ערקלעהרונג: די קלאוק מאנופעקטשורערס זיינען ענדליך דאך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס קענען זיי בשום אופן ניט אויספיהרען. עס איז אויך ווערט צו פארצייכענען, אז די פראטעקטיוו-פארשטעהער האבען אויך געלאזט פאלען גענצליך זייער פאדערונג, מיט וועלכער זיי זיינען געקומען צו דער ערשטער קאנפערענץ, אז די קאנפערענץ צווישען דער יוניאן און דער פראטעקטיוו זאל פארוואנדעלט ווערען אין אן אלגעמיינער קאנפערענץ צווישען דער יוניאן און אלע אנדערע אסס'נס, וועלכע זיינען פאקטארען אין דער קלאוק-אינדוסטריע. דאס איז צו ערקלעהרען דערמיט, וואס די פראטעקטיוו-מאנופעקטשורערס האבען איינגעזעהן די גערעכטיגקייט פון די ארגומענטען פון דער זייט פון דער יוניאן. דאס איז א גוטער סימן פאר דעם ענדליכען רעזולטאט פון די קאנפערענצען. הא..ים ווי באלד די מאנופעקטשורערס לאזען זיך איבערצייגען, און קענען איינזעהן די גערעכטע טענות פון דעם צווייטען צד, איז עס כמעט ווי זיכער, אז אויך די אנדערע פאדערונגען, וועלכע די מאנופעקטשורערס האבען ארויסגעשטעלט, וועלען געהן דעם זעלבען וועג, ווי די ערשטע פאדערונגען, ווייל די יוניאן באטראכט זיי פאר פונקט אזוי אונגערעכט, ווי די ערשטע, און איז דארום ענטשלאסען זיי ניט נאכצוגעבען.

*

די ארבייטער דארפען זיך לאזען ארפדריקען פון זייערע וויידזשעס, האבען גע'טענה'ט די מאנופעקטשורערס, ווייל די אורזאכע, ווארום זייערע וויידזשעס זיינען געהעכערט געווארען, איז שוין מעהר ניטא. געהעכערט זיינען געווארען די וויידזשעס ניט דערפאר, ווייל עס האט געהערשט אזא גרויסע פראספעריטי; ניט, ווייל עס איז געווען א רוחק אין ארבייטער, נאר ווייל די לעבענס-מיטעל זיינען אזוי הויך געשטיגען אין די פריהערדיגע יאהרען. דערפאר האבען די ארבייטער מיט רעכט געפאדערט און געקראגען א העכערען וויידזש. איצט אבער, אז די לעבענס-קאסטען זיינען באדייטענד קלענער, האבען די מאנופעקטשורערס דאס פולסטע רעכט צו פארלאנגען א פארקלענערונג פון די וויידזשעס. דאך, האט מר. סטויער צוגעגעבען, ווילען די מאנופעקטשורערס ניט באהויפטען, אז זיי זיינען דורכאויס זיכער אין דער גערעכטיגקייט פון זייער פאדערונג. מעגליך, אז זיי זיינען אונגערעכט. נו, פארלאנגען זיי, אז די דאזיגע פראגע זאל איבערגעגעבען ווערען צו ארביטריישאן. זאלען זייטיגע, ניט-דירעקט - פאראינטערעסירטע מענשען, אורטיילען, און ווי זיי וועלען ענטשיידען, אזוי זאל עס בלייבען.

*

כדי אויסצומיידען ווידערהאלונגען, זאל דא גלייך ערקלעהרט ווערען, אז יעדע פאדערונג פון די מאנופעקטשורערס איז באגליים געווארען פון דעם זעלבען פזמון: מיר ווייסען, מיר גלויבען, אז צו די פאדערונגען, וואס מיר שטעלען, זיינען מיר פולבארעכטיגט. אבער פון רעסטוועגען, אזוי ווי יעדע פראגע האט איהרע צוויי זייטען, שלאגען מיר פאר ארביטריישאן. זאל א קאמיטע פון אונפארטייאישע מענשען, אויסערוועהלט פון ביידע צדדים, ענטשיידען איבער אלע אונזערע פאדערונגען. און זייער ענטשיידונג זאלען ביידע צדדים מוזען אננעהמען, אלס די ענדגילטיגע.

*

די צווייטע פאדערונג פון דאס רעכט צו רעארגאניזירען זייערע שעפער און צו קענען אפזאגען וויפיל און וועלכע ארבייטער זיי האלטען פאר נויטיג כאטש איין מאל א יאהר, און דעם גאנצען יאהר זאלען זיי מוזען אין דער פראגע פון דיסטשארדזש זיך אונטערווארפען דער ענטשיידונג פון אן אונפארטייאישען טשערמאן, האבען זיי באגרינדעט מיט דעם, וואס עס טרעפט זעהר אפט, דאס ארבייטער און באס דורך דעם לויף פון דער צייט האבען דערעסען איינע די אנדערע. זיי קענען זיך ניט פארטראגען. קיין ריכטיגע, באשטימטע גרינדע, ווארום דער באס וויל ניט האבען דעם אדער די געוויסע ארבייטער אין שאפ, האט ער ניט, און קען זיי אויך ניט ערקלעהרען. אבער דאך, דאס ארבייטען און דאס לעבען אין דעם שאפ איז איהם ניט ניחא. נו, ווילען די מאנופעקטשורערס האבען כאטש איין טאג אין יאהר, ווען זיי זאלען קענען אפזאגען די ארבייטער, און ניט דארפען קיינעם אפגעבען קיין דין וחשבון.

*

די דריטע פאדערונג פאר דער אפשאפונג פון דעם מנהג צו באצאהלען פאר האלידעיס האבען די מאנופעקטשורערס אויסגעשטעלט אויף א מאראלישען גרונד. פארוואס זאלען די ארבייטער גאר פארלאנגען צו קריגען געלד אומזיסט? אז זיי ארבייטען, קריגען זיי דאך באצאהלט יעדען סענט, וואס זיי זיינען מושוה געווארען מיט זייערע בעלי בתים, טו פאר וואס זאלען זיי קריגען באצאהלט פאר א טאג, ווען זיי ארבייטען ניט? און פארוואס זאלען די מאנופעקטשורערס זיין געצוואונגען צו געבען זייער געלד פאר גארנים?

*

די פערטע און לעצטע פאדערונג פאר דאס רעכט ארייצושטעלען נייע ארבייטס-איינשפארענדע מאשינען איז באגרינדעט געווארען אויף דעם סמך פון עפישיענסי, פון פראגרעס. וואו וואלטען מיר איצט געווען, ווען ניט די נייע מאשינען, וועמען מיר האבען צו פארדאנקען אונזער גאנצען פארטשריט?

*

דאס זיינען די פאדערונגען און זייער באגרינדונג פון דער זייט פון די באסעס, און אט וואס די פארשטעהער פון אונזער יוניאן האבען אויף דעם געענטפערט, און אין דער זעלבער צייט גאנץ קלאר געמאכט פאר די מאנופעקטשורערס, אז די יוניאן האט ניט בדעה זיך צו ד י נ ג ע ן מיט די מאנופעקטשורערס, נאר עס איז איהר פעסטער באשלוס ניט נאכצוגעבען דאס מינדעסטע פון קיינע פון זייערע געשטעלטע פאדערונגען.

*

און ווי באלד די יוניאן איז ענטשלאסען גארניט נאכצוגעבען, פאלט דאך במילא אראפ די פראגע וועגען ארביטריישאן. וואלט די יוניאן גענומען דעם מינדעסטען צווייפעל וועגען דער גערעכטיגקייט פון איהר שטעלונג, ווי דאס איז דער פאל מיט די מאנופעקטשורערס, וועלכע זיינען אליין ניט גאנץ זיכער אין דער גערעכטיגקייט פון זייערע פאדערונגען, וואלט זי זיכער איינגעשטימט צו ארביטריישאן. אבער, וואס פאר א זין האט עס צו פארלאזען זיך אויף דער ענטשיידונג פון אנדערע, ווען זי ווייס גאנץ באשטימט, אז איהר פאזיציע איז דורך און דורך א ריכטיגע, און אז זי קען ניט נאכגעבען דאס מינדעסטע? אחוץ דעם האט פרעזידענט שלעזינגער גאנץ קלאר געמאכט פאלגענדען ארגומענט: וואלטען די אלע געשטעלטע פאדערונגען פון דער זייט פון די באסעס געווען נאר שפאגעל-נייע, וואלט עס אפשר געהאט א זין צו קומען מיט דעם פארלאנג צו דער יוניאן: „לאמיר זיך פארלאזען אויף מענשען". דער פאקט אבער איז, דאס די דאזיגע אלע פראגען זיינען שוין אויסגעדראשען געווארען צעהנדליגע מאל, און דווקא פאר ארביטריישאן-קאמיטעס פון די פראמינענטסטע מענשען פון לאנד, ווי דזשאסטיס בראנדייס, פעליקס אדלער, פראפעסאר קוירטשוועי, ברוער, און פילע, פילע אנדערע. און זיי אלע האבען שוין ענטשיידען די מעהרסטע פאדערונגען צו גונסטען פון דער יוניאן. טו פארוואס זאל די יוניאן נאר דענקען אויף א מינוט אונטערצואווארפען די פראגע צו א נייער ארביטריישאן-קאמיטע?

*

מיט דעם דאזיגען שטארקען ארגומענט איז שטארק צוטרייסעלט געווארען דער פונדאמענט, אויף וועלכען די מאנופעקטשורערס האבען אויפגעבויט דעם גאנצען בנין פון זייערע פאדערונגען. און דאן האבען די פארשטעהער פון דער יוניאן ארגומענטירט איבער יעדער פאדערונג באזונדער, און פאר יעדען מענשען, וואס קען דענקען עהרליך און אונפארטייאיש, איז קלאר געווארען, אז די יוניאן קען ווירקליך ניט איינגעהן אויף קיין איינציגער פון די געשטעלטע פאדערונגען, ווייל דאס נאכגעבען פון איינער וועלכע פון די פאדערונגען וואלט באדייטענד פארערגערט די לאגע פון די ארבייטער, און די יוניאן איז דאך געשאפען, אום צו פ א ר ב ע ס ע ר ע ן די לאגע פון די ארבייטער, און בשום אופן קען זי ניט איינשטימען צו דער שאפונג פון פארהעלטניסע, דורך וועלכע די לאגע פון די ארבייטער זאל באדייטענד פארערגערט ווערען.

*

עס איז אמת, האבען אונזערע ספאוקסמען צוגעגעבען, אז די לעבענס-מיטעל זיינען איצט עטוואס ביליגער, ווי מיט א פאר יאהר צוריק; עס איז אמת, אז אין אנדערע אינדוסטריען זיינען די וויידזשעס פון די ארבייטער רעדוצירט געווארען אויף א געוויסען פראצענט. אבער דאך נעהמענדיג אין אכט דעם כאראקטער פון דער קלאוק-אינדוסטריע, אין וועלכער די ארבייטער זיינען באשעפטיגט בלויז עטליכע מאנאטען אין יאהר, און לעבען מוזען זיי דאס גאנצע יאהר, זיי, און זייערע פאמיליען, און ניט נאר לעבען, אט אבי געלעבט, נאר לעבען מענשליך, לויט דעם לעבענס-סטענדערד אין אמעריקא, איז אין דער איצטיגער צייט, ווען די הויפט לעבענס-מיטעל, ווי וואוינונג, באהייצונג, באלייכטונג ווי אויך פלייש, ברויט, פוטער, מילך זיינען אלץ אזוי טייער, ווי פריהער, און מאנכע לעבענס-מיטלען נאך פיל טייערער, אונמעגליך פאר דער יוניאן צו דענקען גאר פון נאכגעבען דער דאזיגער פאדערונג.

נאטירליך, וואלטען די מאנופעקטשורערס געקומען מיט א פארשלאג צו געבען די ארבייטער מעהר ארבייט דורכ'ן יאהר, צו באשעפטיגען זיי כאטש גאנצע 40 וואכען אין יאהר, וואלט די יוניאן, אפשר, זיך דאן געלאזט ריידען וועגען א רעדוקצירונג פון דעם וויידזש-סקייל. אבער ווי באלד די מאנופעקטשורערס זיינען ניט געקומען מיט אזא פארשלאג, ווייל זיי קענען ווירקליך דעם ארבייטער אין דער הינזיכט גארניט צוזאגען; ווי באלד זיי ווייסען אליין, אז מעהר, ווי עטליכע מאנאטען אין יאהר קענען זיי איהם ניט באשעפטיגען, טו ווי קענען זיי נאר שטעלען אזא פאדערונג, וועלכע זאל די ארבייטער-לאגע באדייטענד פארערגערען? די יוניאן באטראכט, אז די אינדוסטריע, אין וועלכער איהרע ארבייטער זיינען באשעפטיגט, און וועלכע זי מוז האבען, אום צו קענען אנגעהן, איז שולדיג די ארבייטער א לעבען ניט בלויז פאר די עטליכע מאנאטען, וואס זיי ארבייטען, נאר פאר דאס גאנצע יאהר, און דערפאר קען זי נאר דיסקוטירען די וויידזש-פראגע מיט די מאנופעקטשורערס אויף דעם באזיס פון א יעהרליכען לעבענס-וויידזש פאר די ארבייטער. אויב די מאנופעקטשורערס זיינען באריים צו דיסקוטירען דיזע פראגע אויף דעם באזיס, וועט די יוניאן געוויס ניט אפשטעהן.

*

דער ארגומענט פון דער יוניאן מכח דער פאדערונג פון „דיסטשארדזש" איין מאל א יאהר איז געווען באזונדערס גאנץ קלאר. ווארום — האבען די ספאוקסמען פון דער יוניאן, שלעזינגער און הילקוויט, ארגומענטירט — זאל דאס, וואס איז אונרעכט א גאנץ יאהר, צו דיסטשארדזשען אן ארבייטער אהן א פארוואס, וואס דאס גיבען דאך די מאנופעקטשורערס אליין צו, איין מאל א יאהר יע זיין רעכט? ווארום זאל דאס, וואס איז טריף א גאנץ יאהר, אין איין טאג אין יאהר ווערען פלוצלונג כשר און ערלויבט? די יוניאן איז דא צו באשיצען איהרע מעמבערס פון אונרעכט אימער און שטענדיג, און זי קען ניט ערלויבען, אז זאגאר איין טאג אין יאהר זאל אירגענד ווער פון איהרע מעמבערס בלייבען אונבאשיצט. און צוליב וואס ווילען עס די מאנופעקטשורערס? כדי צו האבען א בייטש איבער די ארבייטער, כדי צו האלטען זיי אין איין מורא, אז אין א געוויסען טאג וועט דער באס קענען זיי ארויסווארפען אויפ'ן גאס, און ניט דארפען קיינעם אפגעבען קיין דין וחשבון. די דאזיגע מורא וועט טרייבען פילע ארבייטער צו ארבייטען איבער די כחות, צו פארגעסען אפט אן זייער מענשענווירדע, זיך לאזען געפעלען זאכען פון דעם ארבייטס-געבער, וואס קיין ארבייטער מיט זעלבסטאכטונג טאר זיך ניט לאזען געפעלען. דאס איז דער אמת'ער מיין פון די מאנופעקטשורערס, פאר ארויסשטעלען די דאזיגע פאדערונג — אבער גראדע דערפאר קען עס די יוניאן קיינמאל ניט נאכגעבען. און אויב די מאנופעקטשורערס באשטעהען דאך אויף זייער פאדערונג פון דאס רעכט אפצוזאגען אן ארבייטער אהן א „רעוויו" פון דער זייט פון אן אונפארטייאישען מענשען, מוזען זיי איינוויליגען, אז די ארבייטער זאלען האבען דאן דאס פולע רעכט צו סטרייקען.

*

וואס אנבאטרעפט די פאדערונג פאר דער אפשאפונג פון זעקס טעג האלידייס, האט די יוניאן ניט געהאלטען פאר נויטיג זיך שטארק צו פארברייטען וועגען דעם, ווייל דער ארגומענט אנגעווענדעט פון דער זייט פון די מאנופעקשורערס, איז דאך אין דער אמת'ן געווען א גאנץ שוואכער. זייער ארגומענט וואלט געהאט אין זיך זאפט און לעבען, ווען די ארבייטער וואלטען ווירקליך געקראגען די פולע פרוכט פון זייער ארבייט. אבער דאס איז דאך ניט דער פאל. דערווייל איז דער ארבייטס-לוין אזוי קנאפ צוגעשניטען, אז דער ארבייטער האט קוים, קוים אויף זיין אויסקומעניש, טו ווארום זאל ער ניט קריגען באצאהלט פאר דעם טאג, ווען ער ארבייט ניט, ניט ווייל ער וויל ניט, נאר ווייל מ'לאזט איהם ניט ארבייטען, ווייל מ'זאגט איהם, עס איז פארבאטען צו ארבייטען? מען זאגט איהם, אז עס איז א י ו ם ט ו ב, איז דאך ניט מעהר ווי רעכט, ער זאל האבען אין דעם יום טוב גענוג צום לעבען, וויפיל ער האט אין א וואכעדיגען טאג. ווארים אויב מען זאל איהם ניט באצאהלען פאר דעם טאג, קומט דאך אויס, אז גראדע אין דעם יום-טוב דארף ער הונגערען. א חוץ דעם איז דאס צאהלען פאר האלידעים אין דער קלאוק-אינדוסטריע שוין א מנהג פון יאהרען און יאהרען, נאך איידער עס איז געווען זאגאר א ריכטיגע יוניאן. איז איצט, אז די ארבייטער זיינען פאראייניגט אין א מעכטיגער ארגאניזאציע, אום צו פארבעסערען, ווי ווייט מעגליך זייער לאגע, קומען די מאנופעקטשורערס צו דער יוניאן און פארלאנגען פון איהר, אז זי זאל אויספיהרען ביי די ארבייטער, אז זעקס טעג אין יאהר, און גראדע אזעלכע טעג, וואס ווערען אנגערמען, אלס פייער-טעג, זאלען זיי פארציהען זייערע פאסטען אביסעלע שטייפער און אונטערהונגערען לכבוד וואשינגטאנ'ס אדער לינקאלנ'ס געבורטסטאג. באנאמנות א לעבערליכע צומוטונג.

**

וואס ווידער אנבאטרעפט די פראגע פון נייע ארבייט-שפארענדע מאשינען, האט די יוניאן קלאר געמאכט, אז זי איז קיינמאל ניט געווען און איז אויך איצט ניט געגען די איינפיהרונג פון אזעלכע און טאקע אין דעם נאמען פון פראגרעס, וועלכער איז אזוי טייער די ארבייטער, ווי די מאנופעקטשורערס. אבער די יוניאן פיהלט עס, אלס איהר פליכט, אז די נוצען פון דער נייער מאשין דארפען ניט געהן אויסשליסליך צום בענעפיט פון די מאנופעקטשורערס, נאר אז אויך די ארבייטער זיינען בארעכטיגט צו א חלק און זיי, און דערפאר האט זי איינגעפיהרט די וויסע רולס, דורך וועלכע די ארבייטער זאלען ווענינגסטענס ניט שטארק געשעדיגט ווערען דורך די איינפיהרונגען פון נייע מאשינען. אויב די דאזיגע רולס דארפען אביסעל געענדערט ווערען, וועגען דעם איז די יוניאן באריים צו פארהאנדלען מיט די מאנופעקטשורערס.

**

ביז שפעט אין דער נאכט האט זיך געצויגען די דעבאטע, ביז עס איז מאל אלעמען קלאר געווארען די שטעלונג פון דער יוניאן און איהר פעסטער באשלוס צו בלייבען ביי איהר. עס איז דארום באשלאסען געווארען איבערצוגעבען די קאנפערענצען צו א סאב-קאמיטע. די דער

בריף פון פוילען

פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט
דוד מייער

1.

דער פראפעסיאנעלער פאר־איין פון נאדעל־אינדוסטריע ארבייטער אין פוילען

אין פוילען געפינען זיך ביים היינ־טיגען טאג אן ערך פון 50,000 פראפע־סיאנעל־ארגאניזירטע אידישע ארבייטער. די גרעסטע גרופע פון זיי זיינען די נאדעל־ארבייטער.

דער ערשטער גרינדונגס־צוזאמענ־פאהר פון דעם נאדעל־ארבייטער פאר־איין איז פארגעקומען ביים סוף פון׳ם יאהר 1919. דאס איז געווען א צוזא־מענפאהר פון שוין לאנג עקזיסטירענדע באזונדערע פאראיינען, וועלכע האבען זיך געגרינדעט אין די פארשיידענע שטעדט פון פוילען, נאך דעם ווי מיר זיינען פטור געווארען פון דער רוסישער צארישער מיליטער און עס איז געווא־רען מעגליך צו ארגאניזירען פראפעסיא־נעלע ארבייטער־פאראיינען. די דייטשע אקופאציאנס־מאכט, ביים פארנעהמען אין פוילען דאס ארט פון רוסישען מי־ליטער, האט אין אנפאנג ניט געמאכט די ארבייטער קיינע שוועריגקייטען פרא־פעסיאנעל זיך צו ארגאניזירען. די אי־דישע נאדעל־ארבייטער האבען עס גלייך אויסגענוצט און אומעטום ארגאניזירט נאדעל־פאראיינען. די דייטשע פאליציי האט אבער דאמאלס ניט דערלאזט די בא־זונדערע שטאדטישע פאראיינען צו פאראייניגען זיך אין איין גרויסען פאר־איין איבער׳ן גאנצען לאנד. די דיי־טשען האבען מורא געהאט פאר וועלכע ס׳איז לאנדעס־ארגאניזאציעס און ניט דערלאזט זייער ארגאניזירונג.

ווי נאר עס איז אבער מעגליך גע־ווארען, נאכ׳ן אוועקגעהן פון די דיי־טשען, צו פאראייניגען די באזונדערע, פאנאנדערגעווארפענע פאראיינען, איז דאס גלייך דורכגעפיהרט געווארען.

דער 1טער צוזאמענפאהר פון 15טען נאוועמבער, 1919, האט געלעגט דעם גרונד־שטיין צו דער ארגאניזירונג פון די אידישע נאדעל־ארבייטער אין פוילען אין איין גרויסען צענטראליזירטען לאנ־דעס־פאראיין, וועלכער זאל קענען ווי נעהעריג דורכפיהרען די פראפעסיאנעלע אנגעלעגענהייטען פון זיינע מיטגלידער. די צענטראלע פארוואלטונג, וועלכע איז אויף דעם צוזאמענפאהר געוועהלט גע־ווארען, האט זיך גלייך גענומען די רא־זיגע ארבייט דורכפיהרען.

אין זומער פון 1920 האט זיך, אין צוזאמענהאנג מיט דער באלשעוויסטי־שער אינוואזיע, אנגעהויבען צו שיטען אויף די ארבייטער־אינסטיטוציעס א גאנצע ריהע אונטערדריקונגען. אין פילע ערטער זיינען די נאדעל־אפטיילונ־גען פארמאכט געווארען; די פאראיינס־לאקאלען זיינען רעקווירירט געווארען פאר מיליטערישע אדער אנדערע צוועק־קען. דער פאראיין איז פון די רעפרע־סיעס ארויס א צוקאליטשעטער, א רוי־נירטער און צוקלאפטער.

א דאנק דער ענערגישער ארבייט פון די פארוואלטונגס־מיטגלידער האט זיך דאך איינגעגעבען, נאכדעם ווי די מלחמה האט זיך געענדיגט, דעם פאראיין ביס־לאכווייז צוריק אויפצובויען. די פאר־מאכטע אפטיילונגען זיינען צוריקגע־עפענט געווארען. די פאראיינען, וואס האבען, צוליב דעם מלחמה־צושטאנד און רעפרעסיעס, איבערגעריסען זייער טע־טיגקייט, האבען צוריק אנגעהויבען צו פונקציאנירען. א גאנץ יאהר האט מען געמוזט שווער און ענערגיש ארבייטען, אום ווידער אויפצולעבען די פאראיינס־טעטיגקייט.

אין יוני 1921 איז צונויפגערופען געווארען דער 2טער צוזאמענפאהר פון די אידישע נאדעל־ארבייטער אין פוילען. אין איהם האבען גענומען אנטייל 102 רעפרעזענטאנטען פון פארשיידענע שטעדט און שטעדטלאך. דער ראיאנער צוזאמענ־פאהר האט שוין בארייטענער באפעסטיגט די ארגאניזאציע, בעסער און ענגער צו־נויפגעבונדען די באזונדערע אפטיילונ־גען, אריינגעפיהרט א מעהר שטרענגע אינערליכע ארגאניזאציאנס־דיסציפלין.

ביים היינטיגען טאג האט דער פאר־איין 92 אפטיילונגען מיט אן ערך 18,000 מיטגלידער. דער פאראיין נעהמט איצט ארום אלע פאכען (צווייגען) פון דער גאנצער באקליידונגס־אינדוסטריע. אין איהם געהען אריין אלע ארטען שניידער (מענער, דאמען, קינדער, מילי־טער, א. ד. גל.), וועש־נייטערינס, הי־טעל־מאכער, קאפעליוש־מאכער, מא־דיסטקעס (די וואס באפוצען דאמען־היט) א. ז. וו.

די גרעסטע אפטיילונגען פון פאראיין זיינען: ווארשע (7,900 מיטגלידער), לאדז (1,600 מיט.) און לובלין (900 מיטגלידער). אין די קלענערע שטעדט־לאך געפינען זיך אויך אפטיילונגען, וואס צעהלען 20 מיטגלידער.

זעהר א גרויסע און פארצווייגטע ארבייט ווערט געפיהרט אין דער ווארי־שעווער אפטיילונג. אלע מיטגלידער זיינען צוטיילט אין סעקציעס לויט די פאכען. דאס פאך (צווייג) האט אן איינענע, געוועהלטע פון איהרע מיטגלי־דער, פ א ך ־ ק א מ י ס י ע, וועלכע פיהרט אן די לויפענדע טאג־טעגליכע עקאנאמישע טעטיגקייט פון געגעבענעם פאך. ס׳זיינען פאראן פאך־קאמיסיעס פון מענער־שניידער, דאמען־שניידער, היטעל־מאכער, וועש־נייטערינס א. ז. וו.

די קאמפעטענץ פון דער פאך־קאמי־סיע איז זעהר א באגרענעצטע. זי קען זעלבסטשטענדיג קיין שום איינטרעטו־נגען ניט דורכפיהרען, זי איז נאר צו אכטונג פון דער פאראיינס [illegible] דער שטאדטישער פאראיינס־אפטיילונג [illegible] שע פאראיינס־פארוואלטונג, דעלעגירט אין יעדער פאך־קאמיסיע איהרע א מיט־גליד, וועלכער פיהרט אן די גאנ־צע ארבייט. די פארוואלטונג פון דער שטאדטישער אפטיילונג ווערט געוועהלט אויף אן אלגעמיינער פארזאמלונג פון אלע ווארשעווער מיטגלידער.

דאס שטענדיגע פאלען פון דער פוי־לישער וואלוטע צווינגט דעם פאראיין כסדר צו פיהרען עקאנאמישע סטרייקס צוליב לוין־העכערונג. אין פארלויף פון לעצטען יאהר איז דער ארבייטס־לוין ביי די אידישע נאדעל־ארבייטער אין ווארי־שע געהעכערט געווארען אויף 600 פרא־צענט. א קוואליפיצירטער ארבייטע־רין פארדינט איצט אין ווארשע פון 20 ביז 25 טויזענד מארק א וואך, ביי ניט־קוואליפיצירטע ארבייטער רעדוצירט דער פארדינסט ביז 40,000 מארק א וואך. דאס טרעפט אן אן ערך פון 10 דאלאר. פארשטעהט זיך, אז דאס איז נאר אין סעזאן־צייט.

די פאראיינס־ארבייט אין די קלענע־רע אפטיילונגען ווערט געפיהרט אי־נגעפעהר ווי אין ווארשע, נאר אין א קלענערען מאסשטאב.

אין דער פראווינץ פארדינען די אר־בייטער בארייטענער ווייניגער. א קווא־ליפיצירטער ארבייטער פארדינט דארט אן ערך פון 16,000 מארק וועכענטליך, ניט קוואליפיצירטע — פון 20 ביז 25 טויזענד מארק וועכענטליך.

די אידישע נאדעל־ארבייטער זיינען באשעפטיגט אם מעהרסטען אין קליינע ווארשטאטען. אין די גרעסערע שטעדט געפינען זיך ווארשטאטען מיט 30—40 ארבייטער. אין די קלענערע פראווינץ־שטעדט איז 8 די גרעסטע צאהל ארביי־טער אין א ווארשטאט. געוועהנליך צעהלען די קלענערע ווארשטאטען צו 2־3 מאן.

אין דער גאנצער נאדעל־אינדוסטריע באמערקט זיך לעצטענס א שטארקע אויפלעבונג. ס׳פעהלען קוואליפיצירטע ארבייטער. ס׳ווערט געארבייט אם מעהר־סטען פאר׳ן אינערליכען מארק. טייל־ווייז פאר די נייע־צוגענומענע ראנד־גע־ביטען. ביסלאכווייז ווערט שוין אויך אריבערטראנספארטירט פארטיגע סחורה קיין רוסלאנד.

דער ארבייטס־טאג איז לויט׳ן מקוכח־געזעץ אן 8־שעה׳דיגער. נאר ניט אומעטום ווערט ער פינקטליך דורכגע־[illegible]

[illegible]

[illegible] שען קריסטליכען גרעסען פאראיין. דער אידישער פאראיין פון די נאדעל־ארביי־טער מוז זיך איצט, מיט זיינע קרוב אכט טויזענד מיטגלידער, שטיקען אין 2—3 קליינע צימערלאך. די פאראיינס־טעטיגקייט איז אין גאנצען פארלוירט. מען קען ניט מאכען קיין פאראיינס־פארזאמלונגען, קאנפערענצען, בא־ראטונגען א. ד. גל. די 7 פאראיינס־אנגעשטעלטע האבען ווגאר ניט וואו צו פיהרען זייער פאראיינס־ און ביוראָ־אר־בייט. דער גרעסטער אידישער קלאסען־פאראיין נעהמט צוליב דעם צרה, כדי צו באקומען אן ענטשפרעכענדען נייעם לאקאל מוז דער פאראיין האבען אן ערך פון 12 מיליאן מארק. דאס איז אין איצטיגען מאמענט אונמעגליך צו שאפען פון די ווארשעווער מיטגלידער. אהן אן ענטשפרעכענדען לאקאל קען אבער דער פאראיין אין גאנצען אונטערגעהן.

מיט א צייט צוריק האבען זיך אנ־געהויבען אונטערהאנדלונגען מיט די פוילישע צענטראלע שניידער פאראיינס וועגען שאפען א צענטראליזירטען אינ־טערנאציאנאלען פאראיין פון אלע נא־דעל־ארבייטער אין פוילען. דער פאר־איינינגונגס־אפמאך איז שוין געשלאסען געווארען. דעם 15טען יולי ד. י. דארף פארקומען א צוזאמענפאהר פון אלע נא־דעל־פאראיינען, וואו דער איינציגער פאראיין וועט זיך בילדען. דער נייער אינטערנאציאנאלער פאראיין פון די נא־דעל־ארבייטער אין פוילען וועט האבען אן ערך פון 30,000 מיטגלידער. פון זיי וועלען די אידישע ארבייטער בילדען פון 70 ביז 75 פראצענט, פוילישע ארבעי־טער 20 פראצענט. די איבעריגע וועי־לען זיין דייטשען און אוקראינער.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

וויליאם בליזארד, דער יוניאן־פיהרער אין וועסט־ווירדזשיניא, איז זיין טריעל פאר וועלען ארונטערווארפען די רעגירונג פון יו־נייטעד סטייטס, איז פרייגעשפראכען געווא־רען. בליזארד מעג באמת גומל בענשען. מאקע ער איז אומשולדיג; אבער פונקט אזוי אומשולדיג זיינען דאך מוני, בילינגס, סאקא, וואנזעטי, און הונדערטע אנדערע. פונ־דעסטוועגען זיצען זיי און שמאכטען אין די פריזאנס. מעג דאך מר. בליזארד ווירקליך האלטען זיך פאר גליקליך, וואס ער האט אזוי גוט אפגעשניטען.

אויב די אייזענבאהן־ארבייטער וועלען זיך אזוי לאזען יעדע פאר מאנאטען אראפ־שניידען גאנצע סלייסעס פון זייערע וויידזש־עס, וועט באלד אויסקומען, אז זיי וועלען נאך מוזען צוצאהלען די באהן־קאמפאניעס פאר דער גרויסער פריווילעגיע צו ארבייטען אויף זייערע באהנען.

שוועדען האט זיך אנטזאגט צו שליסען א האנדעלס־אפמאך מיט רוסלאנד. ווען מען באַרעכענט, דאס שוועדען איז אזא נאהענ־טער שכן פון רוסלאנד, וועלכער קען זעהן, ווי מען זאגט, וואס אין רוסלאנד׳ס טעפעל קאכט זיך, איז דער דאזיגער באשלוס פון שוועדען ניט צו האבען קיין מגע ומשא מיט רוסלאנד ניט קיין זעהר גוטע רעקאמענדא־ציע פאר די איצטיגע רוסישע באלעבאטים.

פון דער לייזונג פון דעם רוסישען פרא־בלעם, האט געזאגט סענאטאר באראה אין סע־נאט, הענגט אפ דער פרידען פון דער וועלט. איינפארשטאנען. נאר, ווי מיר דאכט זיך, האט סענאטאר באראה א טעות, ווען ער גלויבט, אז דאס איינציגע, וואס איז נויטיג פאר די לייזונג פון דעם פראבלעם איז אנ־צוערקענען די רוסישע רעגירונג. ניין, אויך דאן וועט נאך־אלץ בלייבען דאס גרוי־סע פראבלעם. איך בין אבער מיט איהם פאל־קאם איינפארשטאנען אין זיין גלויבען, דאס די רוסישע רעוואלוציע וועט ניט זיין קיין אויסנאהם פון אלע אנדערע רעוואלוציעס, און דאס פון איהר וועט זיך אנטוויקלען א מעהר פרייע, א מעהר דעמאקראטישע רוסלאנד. און אט דאס איז טאקע דאס גרויסע רוסישע פראבלעם: וואס קען מען טאן, אז די גרוי־סע נבואה פון א פרייערען און מעהר דע־מאקראטישען רוסלאנד זאל וואס שנעלער מקוים ווערען. דערווייל איז דארט די לאגע אזא, אז עס איז שווער פאר איינעם צו זיין אפטימיסטיש.

לויט מר. סטויער׳ס מיינונג דארפען די קלאוקמאכער ניט פארלאנגען צו קריגען באַ־צאהלט פאר די געזעצליכע יום־טובים. ווי קענען זיי גאר פארלאנגען, האט ארגומענ־טירט דער לאיער פון די קלאוקמאנופעקטש־ורער, צו קריגען באצאהלט, ווען זיי אר־בייטען ניט? דער פרינציפ פון ניט צו קריגען געלט פאר גארניט, איז א ריכטיגער. ארבייטסט ניט, קומט דיר גארניט, און מעגסט פון הונגער קראפירען. איך ווייס אבער ניט, אויב די קלאוקמאנופעקטשורער וועלען איינ־פארשטאנען זיין מיט דער אנווענדונג פון דעם פרינציפ אויף זיי גופא. אויב עס איז אן עולה צו פארלאנגען א באלוינונג פאר בלויז עטליכע געזעצליכע האלידעיס, איז עס אבער א הימעל־שרייענדער פארברעכען צו פארלאַנ־גען צו ווערען אויסגעהאלטען מיט אלדאס גוטס און דעם משך פון א גאנצען יאהר, ניט ארייננעמענדיג דערפאר קיין פינגער אין קאלט וואסער.

עס קענען גארניט זיין קיין צוויי מיי־נונגען וועגען דעם. הוגא פריידי, דער ניו יארקער ארגאנייזער פון דער א. פ. אוו. ל. האט ניט געטארט אננעהמען צו ווערען אלס מיטגליד פון דעם לאסקישען „ארוויין־ווארד קאונסיל". ער האט דערמיט געגעבען א פאטש אין פנים דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג, וועלכע האט זיך ערקלערט איינשטימיג געגען די פינסטערע לאסק־געזעצע. זיין תירוץ, דאס ער האט אנגענומען, אום אויפצופאסען, אז די לעהרער זאל, חלילה, קיין שלעכטס ניט געשעהן, איז א גאנץ פוילער תירוץ. האט ער דען אנגעפרעגט ביי די לעהרער, צי זיי ווי־לען פון איהם דעם חסד? און איצט, אז די לעהרער אליין האבען איהם אויפגעפא־דערט זיך צוריקציהען פון דעם „ארוויינווא־רד קאונסיל" און זיינען איהם מוחל זיין אויפפאסונג, האט ער תיכף ומיד באדארפט רעזיגנירען, און ניט ערשט ווארטען, ביז די ארבייטער־באוועגונג וועט פסק׳ענען די געוואלדיגע הארבע שאלה.

אויב עס איז טאקע אמת, אז די אויטאָ־ריטעטען פון הארוואַרד יוניווערזיטי פראבען זיך ארום מיט א פלאן איינצופיהרען א פרא־צענט־נארמע פאר אידישע סטודענטען, און נאר פאר אידישע סטודענטען, איז עס זיכער, אז אין דעם דאזיגען אוניווערזיטעט האט זיך איינגענעסטעלט דער פאסקודנער מיקראב פון אנטיסעמיטיזם, און דאס איינציגע, וואס די אמעריקאנער אידען דארפען טאן, איז ניט צו מאכען געוואלדען געגען דיזע נבלה, נאר פשוט וויזען פון די דאזיגען אוניווער־זיטעט, ווי פון א פעסט. עס זיינען דא נאך גענוג אוניווערזיטעטען, וואו עס ווערט ניט געמאכט קיין אונטערשיד צווישען ראסע און ראסע.

דער יוניאן־פרינציפ פון א מיניסום ווייזדזש־סקייל איז געווארען אזוי פאפולער, אז אפילו אויך דער קאנווענשאן פון דער „עלייד מעדיקאל אסס׳ן פון אמעריקא" האט ד׳ר. וואלש, פון פיטסבורג, געהאלטען א שטארקע רעדע פאר איהם. לויט זיין מיי־נונג קען א מינימום ווייזדזש־סקייל פאר א דאקטאר באשטימט ווערען אויף דעם באזיס פון דער שטונדע. און וויפיל דער דאקטאר דארף רעכענען פאר דער שטונדע, דאס איז דאך שוין גאר גרינג אויסצוחשבונ׳ען. דער דאקטאר ווייס דאך וויפיל קאפיטאל ער האט אריינגעלייגט; דאן זיינע הוצאות אלס דאק־טאר; דאן פערזענליכע עקספענסעס, ווי רענט, באלייכטונג, באהייצונג, אויטאמאביל און אר־בייט. צו דעם דארף דער דאקטאר אויסרעכ־נען, וואס עס האט איהם געקאסט זיין שטו־דירען, און דאס קאפיטאליזירען צו 6 פרא־צענט פון דער צייט, וואס ער האט אנגעפאנ־גען צו פראקטיצירען. און דאן וועט ער גע־נוי וויסען, וועלכע באלוינונג צו פאדערען פון זיין פאציענט. אין דאס מוז ער זעהן צו קריגען באלד, ווייל טאמער ניט, און דער פאציענט מאכט א שטארב, קומט דער קברות־מאן צוערשט. נאר דאס אלעס איז ניט אזוי וויכטיג, ווי דער געדאנק פון דעם דאקטאר איינצופיהרען א מינימום סקייל און וויידזש־עס אין דער מעדיצינישער פראפעסיע, וואס דאס איז דער בעסטער באווייז, אז דער יו־ניאן־פרינציפ דרינגט אריין גאר אין פאר־שידענע שיכטען פון דער געזעלשאפט, וועל־כע בלויז מיט עטליכע יאהר צוריק וואלטען זיך געשעהמט געשטעלט צו ווערען מיט דעם פשוט׳ען בעל־מלאכה אויף איין ברעטעל.

פילע ארבייטער, וועלכע זיינען אוועקגע־פאהרען לעצטען מארטש פון אמעריקא נאך רוסלאנד, אום צו ארבייטען אין די מינען און פאבריקען, וועלכע העיוואוד, דער גע־וועזענער סעקרעטער פון די א. וו. וו. האט געקראגען אלס קאנצעסיע, ווילען קומען צו־

(שלוס אויף זייט 14).

[illegible] ווענסטענס, טאר עס ניט גע[illegible] הערן פאליטיק.

אין פארעם פון איבערלעבונג וועט [illegible] די גאנצע פראקטישקייט [illegible] ביי איצטיגער פאליסי, [illegible] מעמבערשיפ, וואס [illegible] פאליטישע פארטייען און גע[illegible], איז א גאנץ פארשיידענארטיגער. [illegible] נאר ווילט ער זיך ווי אין אנ[illegible] אמעריקאנער יוניאנס, אין דעמא[illegible] און רעפובליקאנער, נאר אין נאך [illegible] אנדערע פאליטישע און סא[illegible] ריכטונגען און שאטירונגען, ווער[illegible] נאר דער טאג ברענגט מיט זיך, און [illegible] ווערט די יוניאן א זא־צו־זאגען [illegible] פאליטישע ארענא, דאן מוז זי פארוואנ[illegible] ווערען אין א שלאכט־פעלד, וואו [illegible] פאליטישע ציילינגע און אינ[illegible] ניינונגען ווערען אויסגעפאכ[illegible], און דער סוף איז א צובראקלונג, [illegible] אפשוואכונג פון דער יוניאן.

איצט פאדערט אויף די אינטערנע־שאנאל איהר מעמבערשיפ און איהרע לאקאלס צו אונטערשטיצען די קעמפיינס פון דער סאציאליסטישער פארטיי. דאס איז, לויט מיין מיינונג, זעהר ניט ריכ־טיג און ניט איבערלעגט געהאנדעלט, און צוליב דעם פאלגענדען ממה נפשך: איז די מעמבערשיפ א סאציאליסטישע, און געפינען עס אויך אונזערע לאקאלס, וועלען זיי דאך געוויס העלפען אין אלץ דער סאציאליסטישער פארטיי אהן דער אויפפאדערונג. פיהלט אבער די מעמ־בערשיפ אנדערש, האט זי אנדערע ניי־גונגען און איבערצייגונגען, קען דאך די אויפפאדערונג פון דער אינטערנעשאנא־ל ניט האבען די מינדעסטע ווירקונג; און, איך גלויב, אז די אינטערנעשאנאל דארף זיך היטען פון שטעלען פאדערונגען צו איהר מעמבערשיפ, וועלכע זי קען ניט פאלגען; ווייל פאלגען דער אינטערנע־שאנאל אין אזא פאל וואלט געמיינט פאר פילע א פארגוואלדיגונג פון דאס, וואס זיי האלטען פאר זייער איבערציי־גונג.

ביז איצט איז די פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל געווען פונקט א פאר־קעהרטע. זי האט געזאגט צו איהר מעמ־בערשיפ: אייערע פאליטישע און סא־ציאלע אנשויאונגען און איבערצייגונגען געהען אונז ניט אן. איהר מעגט זיין א סאציאליסט, א קאמוניסט, א סינגעל־טעקסער, א דעמאקראט, א רעפובליקא־נער, דאס איז אייער עסק. די יוניאן האט איהרע גרויסע טאג־טעגליכע עקאנא־מישע קעמפפע, און זי קען זיך ניט פאר־לירען צו ווערען דאס פעלד פאר די אויספעכטונג פון אלערליי פאליטישע איבערצייגונגען. דאס וועט אריינברענ־גען קריג און צוריסענקייט אין אונזער יוניאן.

און אויף דעם סמך איז די פיהרער־שאפט פון דער אינטערנעשאנאל געווען פאלשטענדיג גערעכט, ווען זי האט ניט דערלאזען אלערליי עלעמענטען צו פאר־וואנדלען די לאקאלס אין פראפאגאנדע־קלייזלאך פאר אלערליי פאליטישע או־מאפיעס. איצט אבער, אז די אינטער־נעשאנאל אליין האט געגעבען א ביי־שפיל פון געבען א פלאץ פאר א בא־שטימטער פאליטישער פארטיי, איז דאך ווירקליך ניטא קיין גרונד, ווארום אנדערע, וועלכע גלויבען אין אנדערע פארטייען מיט אנדערע צילען, זאלען ניט אויסנעהמען א קאמף פאר זייערע פארטייען אין דער יוניאן. און אזא צושטאנד, מאלט איהם זיך נאר קלאר אויס פון אייער פאנטאזיע, מוז עפענען מיר און טויער פאר אלערליי מחלוקות איבער פראגען, וועלכע אין דער אמת'ן האבען נאר א קנאפע שייכות מיט די טאגטעגליכע יוניאן־אינטערעסען.

איך פארשטעה זעהר גוט, ווארום די רעזאלוציע איז דאס מאל אנגענומען גע־ווארען. דער גרונד איז מעהר אדער ווייניגער א סענטימענטאלער: ווייל די סאציאליסטישע פארטיי איז איצט שטארק אפגעשוואכט דורך דאס אפריי־סען זיך פון איהר פון די עקסטרים־רעכטע און די עקסטרים־לינקע עלעמענ־טען; ווייל אלע די, וועלכע באקעמפען די סאציאליסטישע פארטיי, זיינען אויך די באקעמפער פון אונזער אינטערנעשא־נאל, דערפאר איז עס נאטירליך, אז צווישען די ביידע, וועלכע ווערען ביידע גלייך באקעמפט פון דעמזעלבען עלע־מענט, זאל זיך בילדען א שטארקער בונד.

פארשטעה איך און שעץ דעם דא־זיגען גאנץ נאטירליכען סענטימענט. אבער איך דענק, אז דער דאזיגער גע־פיהל האט געקענט און געזאלט אויס־געדריקט ווערען אויף אן אנדער אופן, למשל, אין א סימפאטיע־רעזאלוציע, אין א היבשער געלד־אונטערשטיצונג, ווי די אינטערנעשאנאל טוט עס אין פילע אנ־דערע פעלע פון ארגאניזאציעס און אינ־סטיטוציעס, וועלכע ווערען באטראכט אלס וויכטיגע און וועלכע פאדערינען דא־רום די הילף.

דאס וואלט געווען פונקט געהאנדעלט, ווי די אינטערנעשאנאל האט ביז איצט זיך געפיהרט. אבער דורך דיזער רעזא־לוציע האט די אינטערנעשאנאל, ווי מיר שיינט, געמאכט א גאנץ נייעם שריט, און פאר אזא נייעם שריט איז די פראגע ווייט ניט גענוג באטראכט געווארען, און איך בין ווייט ניט זיכער, אויב די אינטערנעשאנאל מיינט ווירקליך דורך דער דאזיגער רעזאלוציע צו עפענען א ניי בלאט אין איהר געשיכטע.

ווארים איך קען מיר ניט פארשטע־לען, אז די אינטערנעשאנאל זאל איצט נאך דעם, ווי אויף איהר קאנווענשאן איז אנגענומען געווארען די דאזיגע רע־זאלוציע, האבען ברעה צו באשטראפען אדער צו דיסציפלינירען אלע יענע לא־קאלס, וואס וועלען אפשר ניט פאלגען איהרע פאדערונגען און אונטערשטיצען און ארבייטען נאר פאר אנדערע פאלי־טישע פארטייען אין די קומענדע קעמפ־פיינס. עס איז קלאר, אז וואלט זי עס געוואלט טאן, וואלט זי זיכער געצוואונ־גען פילע גוטע לאיאלע לאקאלס און מעמבערס צו ווערען רעבעלען געגען דער אינטערנעשאנאל — א רעזולטאט, וואס די אינטערנעשאנאל מוז צוליב איהר אייגענער עקזיסטענץ און איהר ערפאלג אויף דעם עקאנאמישען געביט זעהן ווי ווייט מעגליך אויסצומיידען.

איך בין דארום פעסט איבערצייגט, אז די דאזיגע רעזאלוציע מיינט ניט מעהר, ווי אן אויסדרוק פון סימפאטיע צו דער סאציאליסטישער פארטיי אין איהר איצטיגער קריטישער לאגע, ווי אויך א פילע איינפארשטענדניס מיט איהר צורוף פאר א פאראייניגטער אר־בייטער־פארטיי אין אמעריקא — א ציל, מיט וועלכען אלערליי ריכטונגען אין אונזער באוועגונג זיינען איינפארשטא־נען. אזוי דארף און קען די רעזאלוציע פארשטאנען ווערען אין דעם ליכט פון דער גאנצער פארגאנגענהייט פון דער אינטערנעשאנאל, כאטש איהר אויס־דרוקסווייזע קען אויסגעטייטשט ווערען אין דעם זין פון א פיל, פיל ענגערע פארבינדונג פון דער אינטערנעשאנאל מיט דער סאציאליסטישער פארטיי, ווי דאס איז ביז איצט געווען דער פאל.

ווי שוין פריהער געזאגט, איז דער צוועק פון די ארטיקלען ניט געווען צו געבען אן ערקלעהרונג פון יעדער רעזא־לוציע, נאר גיכער דעם אלגעמיינעם איינדרוק פון דער קאנווענשאן. מיך דאכט זיך, אז עס איז מיר געלונגען צו מאכען פיהלען אונזער גרויסע לעזער־שאפט, וועלכע איז אויף דער קאנווענשאן ניט געווען, דאס זעלבע, וואס איך האב געפיהלט די גאנצע צייט פון דער קאנ־ווענשאן. אז דאס איז געווען א צוזא־מענקונפט פון מענשען מיט אידעען, מיט שטארקע איבערצייגונגען, אבער די מעהרסטע פון זיי באזעעלט פון דעם גייסט פון פרייהייט, פון אמת'ער דע־מאקראטיע, פון א וואונש צו הערען, וואס דער צווייטער צד האט צו זאגען.

איך קען געוויסענהאפט זאגען, אז פון אלע קאנווענשאנס, וועלכע איך האב ביינעוואוינט, און באזאנדערס די קאנ־ווענשאנס פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע האבען אימער זיך אויסגעצייכענט מיט א באזאנדערער גייסטיגער פרישקייט און אויפגעוועקטקייט, איז די זעכצעהנטע קאנווענשאן אין קליוולאנד געווען די לעבעדיגסטע, די גייסטרייכ־סטע, און ווי מיר דוכט זיך, די פרוכט־פולסטע, ווייל זי האט דורך איהרע פאר־האנדלונגען שטארק אפגעשוואכט דעם איינפלוס פון געוויסע שעדליכע איינ־פלוסען אויף דעם טייל פון אונזער מעמ־בערשיפ, וועלכער האט צוליב אזא אדער אן אנדער אורזאכע געלאזט זיך פאר־פיהרען אויף אלערליי קרומע וועגען. איינס האט די קאנווענשאן זיכער אויס־געטאן. זי האט צוריקגעקעהרט דעם פולען צוטרויען פון דער גרויסער מעמ־בערשיפ צו איהר פיהרערשאפט, און דאס איז איהר גרעסטער אויפטו.

גמליאל'ס צרות

פון א. וועלדין.

וואס איך גנה דא דערצעהלען איז ניט עפעס וועגען אן אלטען תנא פון פאר־צייטען, נאר גראד פון א מענשען פון אונזער צייט און ניט פון אבי וועמען, נאר טאקע פון אונזער פרעזידענט אליין.

גמליאל — זיין פולער נאמען איז ווארען גמליאל האררינג, נאר איך וועל איהם רופען קורץ, גמליאל, צוליב עקא־נאמיע אין פלאץ — גמליאל איז ביז מיט א פאר יאהר צוריק געווען זעהר א צו־פרידענער מענש.

און ער האט געהאט אלע אורזאכען צו זיין צופרידען מיט זיך און מיט דער וועלט.

געווען איז ער אן ערפאלגרייכער צייטונגס־ארויסגעבער, א גוט־ברודער מיט אלע זיינע שכנים, א געראטענער באלעבאס אין שטאדט און אין סטייט, א פערזענליכקייט. אלס אנערקענונג פאר זיינע גרויסע מעלות האט איהם זיין סטייט אויסגעקליבען פאר איינעם פון זיינע „געקליבענע צעהן" און איהם גע־שיקט אלס פארטרעטער אין דעם סענאט פון די פאראייניגטע שטאאטען. דארט האט ער זיך אויפגעפיהרט אויף דעמזעל־בען צופרידענשטעלענדען אופן, ווי ביי זיך אין שטאדט, מעריאן, אהייא. ער האט גערעדט ווייניג און געטאן נאך ווייניגער. מיט אלעמען געלעבט גוט, מיט אלעמען געווען פריינט. ער האט אלעמען גע־פאטש'ט אין פלייצע. הקיצור הדבר, אז עס איז געקומען די צייט פאר די רעפוב־ליקאנער פאליטישענס אויסצוקלייבען דעם אידעאלסטען מענשען פאר פרעזי־דענט איז דער גורל געפאלען אויף גמליאל'ן. ער איז געווען דער אידעאל־סטער פון אלע אידעאלע מענשען וואס אמעריקא פארמאגט.

קודם כל זיין אויסערליכקייט — א הייבער, א שעהנער מאנזביל, מיט א פנים א סך שעהנער, זאגט מען, ווי ער זעהט אויס אויף די „פיקטשורס". אנ־געטאן אלע מאל ווי געהעריג — נעט, מיט געשמאק, שטענדיג גלאט ראזירט. מיט איין ווארט — אן עכטער שטאאטס־מאן.

אבער דער הויפט חן ליגט אין זיין אינערליכקייט. אינערליך איז דאס דער זיכערסטער און נארמאלסטער מענש וואס לעבט ביי היינטיגען טאג אויף דער וועלט. נאטירליך, ער איז ניט א מענש גאר אהן אידעען, אבער זיינע אידעען זיינען סא־לידע, פעסטע, פונדאמענטאלע. א מענש אפילו אהן ווייטע האריזאנטען, אבער דערפאר מיט קלארע בליקען. אזא איי־נער לאזט זיך ניט היגרייסען פון דער היסטעריע פון דער צייט, לאזט זיך ניט באאיינפלוסען פון פרעמדע איינפלוסען און דער עיקר — אזא מענש לאזט זיך ניט פארפיהרען אפילו פון זיין אייגענעם „איך". ער ווייסט זיין פלאץ און ווייסט זיין ווערט און וועט פון גלייכען וועג ניט אראפ.

פריהער פון אלץ ווייס ער, אז אמע־ריקא איז די בעסטע מדינה אויף דער ערד און דאס אמעריקאנער פאלק איז דאס קליגסטע און פראקטישסטע פאלק אויף דער וועלט. דערפאר טאקע האט אמעריקא ארויסגעגעבען אזעלכע גרויסע ערהאבענע מענשען, ווי דזשארדזש וואש־ינגטאן, טהאמאס דזשעפערסאן און אייבראהעם לינקאלן, וואס האבען מיט זייער חכמה און מיט זייער פארשטענדי־גיש געשאפען די בעסטע און אידעאל־סטע רעגירונג וואס קען נאר געמאלט זיין אויף דער וועלט. זיי האבען געשאפען א קאנסטיטוציע און א רעגירונגס פראקטיק וואס האט און קען דינען אלס מוסטער און וועג־ווייזער פאר דער מענשהייט אויף דור דורות. א ראיה האט איהר, א דאנק זייער חכמה און פארשטענדניס איז אמעריקא געווארען די גרעסטע, די רייכסטע און דאס גלענצענדסטע לאנד אויף דער גאנצער וועלט.

אבער מעהר פון אלץ איז ער איבער־צייגט אין דער אמניפאטענץ, אין דער אלעמעכטיגקייט פון דער רעפובליקאנער פארטיי, איבערהויפט פון די „בעסטע מחות" פון דער רעפובליקאנער פארטיי. זיין גלויבען אין די „בעסטע מחות" איז אזוי שטארק און אזוי פעסט, ווי זיין גלויבען אין די „פאטערס פון דער רע־פובליק". און דעריבער האט גמליאל גלייך ווי ער איז דערהויבען געווארען צום פרעזידענט־אמט זיך ארומגערינגעלט מיט די „בעסטע מחות" וואס איז נאר געווען צו קריגען. אזוי פיל וויפיל ער האט גע־קענט האט ער געמאכט פאר זיינע מיניס־טארען און די איבעריגע — אלס זיינע עצה־געבער. דאס איז ניט חלילה דער־פאר וואס גמליאל צווייפעלט אין דער פעהיגקייט פון זיין אייגענעם מוח. אדרבה, פארקעהרט — ער האט אלע גרונד צו גלויבען, אז זיין מוח איז פונקט אזוי גוט, אויב ניט בעסער, פון די איבעריגע. ארומגערינגעלט האט ער זיך מיט די בעסטע מחות, ערשטענס, אויס היימליכקייט. איהר ווייסט דאך, עס איז א סך היימליכער צו זאגען תהילים, למשל, אין א מנין, ווי איינער אליין, ביחידות, און צווייטענס, האט ער עס געטאן ריכטי־גער — דעמאקראטישער. איהם איז זעהר שטארק ניט געפעלען געווען וויל־סאנ'ס אויטאקראטישע מעטאדען און ער האט באשלאסען צו ווייזען א מוסטער דער וועלט ווי אזוי צו זיין אן אידעאלער פרעזידענט און דאך ניט זיין קיין אויטא־קראט.

און ער האט זיך ארומגערינגעלט מיט די „בעסטע מענשען", וואס אמעריקא פארמאגט נאר.

אלס זיין אויסלאנדס מיניסטער האט ער באשטימט טשארלס איוואן יוזו, א מענש וואס האט זיך א נאמען געמאכט אלס גאווערנאר אין ניו יארק, וואס איז שוין געווען געזעסען אין סופרים קאורט און וואס איז אליין שיער, שיער ניט ער־וועהלט געווארען פרעזידענט.

אלס זיין פינאנץ מיניסטער האט ער אויסגעקליבען מעלאנ'ען, איינער פון די גרעסטע באנקירען אין אמעריקא, א מענש וואס קען זיך פארמעסטען מיט זיין רייכטום מיט ראקפעלער'ן אליין.

אלס האנדעלס מיניסטער האט ער באשטימט הואווער'ן — א מענש וואס האט זיך אזוי שטארק אויסגעצייכענט מיט זיין אדמיניסטראציע פון אמעריקא־נעם רעליף אין בעלגיען און נאכהער אין גאנץ אייראפא — א מענש וואס האט, ווי מען זאגט, פארהיט א סאציאלע רע־וואלוציע אויף דער וועלט.

אלס זיין יוסטיץ מיניסטער האט ער אנגעשטעלט דאהערטי, א מענש וואס איז באקאנט מיט זיין ליבענסווירדיגקייט און פריינדליכקייט צו אלץ און צו אלעמען.

און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

בקיצור הדבר, אזוי שנעל ווי מען האט איהם איינגעשווארען אלס פרעזידענט און נאכדעם ווי ער האט זיך ארומגערינגעלט מיט די „בעסטע מחות" האט גמליאל באשלאסען אז פון יענעם טאג און ווייי־טער זאל זיין שלום ושלוה אויף דער גאנ־צער וועלט בכלל און אין אמעריקא בפרט. ער האט ארויסגעגעבען א פראקלאמאציע אנזאגענדיג דאס לאנד אז אלץ דארף זיך אומקעהרען צו א נארמאלען צושטאנד און אלע זאלען זיין גליקליך און צופרידען.

און ווארום זאלען זיי ניט זיין? איז דען גמליאל ניט דער בעסטער פרעזידענט וואס מיר האבען? איז דען זיין קאבי־נעט ניט דער שעהנסטער און בעסטער קאבינעט וואס איז נאר מעגליך צו הא־בען?

אונטער דער וואכענדער אויג פון אזא פרעזידענט און אזא קאבינעט דארפען ניט פארקומען קיינע מחלוקות, קיינע רייסערייען, קיינע שטרייטען. מיר הא־בען, ברוך השם, א גרויסע, רייכע מדינה מיט אל דאס גוטס פאר אלעמען. מען דארף קענען צווישען זיך דורכקומען. קען מען ניט דאס דערגרייכען פריוואט דארף מען עס טאן אויף א קאנפערענץ. און עס האבען זיך אנגעפאנגען א סדרה קאנפערענצען. א קאנפערענץ צווישען קאפיטאל און ארבייט, א קאנפערענץ צווישען די גרויסמאכטען, א קאנפערענץ מיט די קויהלען מאגנאטען, מיט די באהן מאגנאטען, מיט די שטאל מאגנאטען, מיט די פארמער און מיט וועמען ניט? — ווער קען זיי אלע געדענקען.

עס זיינען שוין אבער באלד אנדערט־האלבען יאהר פאראיבער און קיין שלום איז נאך אלץ ניטא. פארקעהרט, דאס לאנד איז איצט מעהר אומצופרידען, ווי פריהער. די קויהלען־גרעבער סטרייקען, די פארמער בונטעווען זיך, די געוועזענע סאלדאטען רייסען די פאלעס פאר א באנוס און די פאבריקאנטען לאזען ניט לע־בען און פאדערען א טאריף וואס זאל זיי צוריקברענגען זייערע געוועזענע מלחמה־פראפיטען.

אבער דאס וואלט נאך געווען צו דער־ליידען. דאס וואלט מען נאך געקענט ארייננקוועטשען אין די ראמען פון „נאר־מאלסי", וואס גמליאל האט פון אנפאנג פראקלאמירט.

איז אבער דא אן אנדער אומגליק, מען האט אנגעהויבען אנגרייפען די „בעסטע מחות" פון פרעזידענט'ס קאבי־נעט. עס געהט ניט אוועק א וואך, אז אימיצער פון זיינע מיניסטארען זאל ניט ארויסגעשטעלט ווערען אלס א ציל־ברעט פאר די גיפטיגע פיילען פון פיינדליכער קריטיק. אין קריטיקירען קריטיקירט ניט נאר די אפאזיציע, נאר אפילו אייגענע מענשען, פון דער רעפובליקאנער פאר־טיי. היינט מאכט מען חוכא וטלולה פון סטייט סעקרעטער פאר זיין רוסישער פאליסי און פאר זיין פראטעזשירען דעם רוסישען אמבאסאדאר פון א טויטער רע־גירונג, אויף מארגען פאלט מען אן אויף הואווער'ן, צי אויף וויקס'ן און אויף אי־בערמארגען ווערט גאר א סדרה דאהערטי.

באשר בכן, דאהערטי האט ארויסגע־ווארפען אן אנגעשטעלטען פון יוסטיץ דעפארטמענט דערפאר וואס ער האט אויסגעזאגט פון חדר. נאטירליך האט ער איהם געדארפט ארויסווארפען, וואס דען האט ער געזאלט טאן, גלעטען איהם אי־בער'ן קעפעלע?

האט זיך אבער אנגעפאנגען א שטורם. א פאר קאנגרעסלייט האבען אנגעפאנגען א באוועגונג פאר אן אונטערזוכונג אין דעם יוסטיץ דעפארטמענט, פארוואס ער טוט גארנישט צו באשטראפען די וואס

(שלוס אויף זייט 15)

HELP THE $1,000,000. TOOL DRIVE

For The Jews In Russia & Ukraine

„גיט מיר געצייג"

דאַס איז דער געשריי פון רוס׳שע און אוקראַא׳נ׳שע א׳דען

אַ מיליאָן דאלאר פאר געצייג וועט העלפען שטעלען אויף די פיס די אידישע אַרבייטער און קאָלאָניסטען — וועט אויפהאַל- טען די טעכנישע שולען און ראַטעווען אונזער יוגענד

שיקט יעצט אייער ביישטייערונג צום

פיפעלס רעליף קאַמיטע, 175 איסט בראַדוויי, ניו יאָרק

וואָלאַנטירען פאַרלאַנגט

פאר די

„טעג דעים"

שבת און זונטאָג

דושון דעם 17טען און 18טען

שרייבט זיך איין אין אָפיס פון

People's Relief Committee, 175 E. Broadway, New York

ווי צו זיין געזונט

פון דר. ב. דיבאיסקי

פאיזאן אייווי

וואס פאר אן אנשיקעניש דאס איז וואס פארביטערט דאס לעבען פון די, וועלכע ליבען צו געניסען די פרייע נאטור. — ווי עס צו דערקענען און וואס צו טאן, ווען מען היט זיך ניט אויס דערפון.

אזוי שנעל, ווי דער ליבער זומער קומט, זוכט יעדער מענש צו אנטלויפען אויף אזוי לאנג, ווי נאר מעגליך, פון דער שטאדט ארויס, וואו גראזען וואקסען, ביימען רויפען, טייכלאך מורמלען און געליבטע פיר'ן זיך אונטער דעם וואכזאמען אויג פון דער לבנה.

מאנכע, גליקליכערע, פאהרען אוועק אויף א וואקיישאן, די, וועלכע קענען זיך ניט ערלויבען קיין וואקיישאן, פאהרען אויס יעדען זונטאג צום ברעג ים אדער אויס'ן שטאדט, וואו מען זעהט ניט קיין „קיפ אָף" פיין אויף יעדען גרעזעלע. ווי ווילט זיך קומען נעהענטער צו דער נאטור, זיך באקענען מיט אלעס, וואס וואקסט, פיהלען די פארשידענע גראזען, פלאנצען, בלעטער און ביימער.

ווי ריהרען אן באטאפען יעדע פלאנצע, וואס ווי באגעגנען, אבזיכטליך אדער אומגערן, ריהרען ווי אן די פארשידענע פלאנצען, וועלכע ווי געהן פארביי, און זעהר אפט באצאָלען ווי גאנץ טייער פאר זייער אומפארזיכטיגקייט. א שטארקע בייסונג און א ברענונג קומט גלייך ווי אנזאגע, דאס ווי האבען זיך אנגעריהרט אן „פאיזאן אייווי". עס איז דארום ראטזאם זיך פריהער צו באקענען מיט דיזער פלאנצע אום זי צו דערקענען און אויסמיידען ווען איהר באגעגענט זי.

פאיזאן אייווי איז א פלאנצע, וואס פאראורזאכט א ענציגדונג אין דער הויט פון געוויסע פערזאָנען, ווען ווי קומען מיט איהר אין באריהרונג. דיזע רייצונג ווערט ניט פאראורזאכט פון מיקראָבען. העכסט ווארשיינליך ענטהאלט דיזע פלאנצע געוויסע כעמישע שטאָפען, וואס זיינען זעהר רייצבאר פאר די הויט. ניט אלע מענשען זיינען עמפינדליך צו די גיפט פון דיזע פלאנצע. מאנכע מענשען קענען האלטען דיזע פלאנצע אין זייערע הענט און עס זאָל זיי גאר ניט שאדען, אנדערע ווידער ליידען פון א שטארקער אנטציגדונג איבער'ן גאנצען קערפער אזוי שנעל ווי זיי קומען נאר אין לייכטער באריהרונג מיט די בלעטער פון דיזער פלאנצע.

דער בעסטער וועג ווי אזוי אויסצומיידען פאיזאן אייווי, איז צו וויסען ווי אזוי דיזע פלאנצע זעהט אויס און זי אויסצומיידען.



פאיזאן אייווי איז א קלעטערינדע פלאנצע, וואס קלעטערט אויף ווענט, אויף שטיינער און אויף אנדערע פלאנצען. זי וואקסט אויף דיזע שטאמען, און איהרע דינע צווייגלאך ענטהאלטען צו דריי בלעטער אנשטאט די פינף בלעטער פון געוועהנליכע פלאנצען. דער קאליר איז העל־גרין. אין אנפאנג הערבסט נעמען די בלעטער אן א בריליאנטענעם אדער רויטען קאליר. דאס בעסטע איז צו הייסען איינעם אייך אנצייגען די פאיזאן אייווי פלאנצע, און אזוי שנעל, ווי איהר באקאנט זיך מיט איהר, מיידעט זי אויס.

ווען איינער איז שוין געקומען אין באריהרונג מיט דער פאיזאן אייווי פלאנצע, און אויב ער האט דאס אויסגעפונען, איידער זיין הויט איז שטארק אנגעצינדען געווארען, דארף ער וואשען דעם באטרעפענדען פלאץ אויף דער הויט מיט וואסער און זייף. ער דארף די הויט גוט אנרייבען מיט א האנד־בראש, זייף און וואסער, און נאכהער אפוואשען מיט אלקאהאל. אין די מעהרסטע פעלע וועט דאס זיין גענוג צו פארהיטען די אנטציגדונג אדער זי פיל פארלייכטערען, ווייל דאס וואסער, זייף און אלקאהאל וועט האבען באפרייט די הויט פון די כעמישע שטאפען פון דער פאיזאן אייווי פלאנצע.

אויב די אנטציגדונג אין דער הויט איז נאך לייכט, איידער זי האט זיך פארשפרייט צו אנדערע טיילען פון קערפער איז נאך צייט מיט אזא באהאנדלונג צו פארקלענערען די אנטציגדונג אדער פארקירצען די צייט וואס די אנטציגדונג דויערט.

אבער אויב די אנטציגדונג האט זיך שוין פארשפרייט איבער'ן קערפער און די הויט בייסט שטארק, קען מען ניט שטארק רייבען די הויט מיט א בראש, און וואשען מיט אלקאהאל, ווייל עס פאראורזאכט גרויסע שמערצען. צו שטילען די בייסעניש דאן איז גוט צוצולעגען קאלטע קאמפרעסען פון איינפאכע וואסער אדער וויטש הייזעל וואסער, און נאכהער באשיטען מיט טאלקום פוידער.

עס זיינען דא פילע היימישע רפואות און זאלבען, וואס מען געברויכט פאר פאיזאן אייווי, אבער דאס בעסטע איז זיי ניט צו געברויכען. פשוט'ע קאלטע קאמפרעסען, קאמפרעסען פון א טיי־לעפעלע באריק עסיד צו צוויי גלעזער וואסער, אדער א דינע פעיסט פון בייקארבאנייט און סאדא איז אלעס, וואס דארף געברויכט ווערען. אויב דאס העלפט ניט, דארף מען זיך ווענדען צו א דאקטאר.

ווי צו דערקענען צווישען פאיזאן אייווי און א מאסקיטא ביס? — דאס איז לייכט. א מאסקיטא בייסט געוועהנליך אויף איין פלאץ, און עס לויפט אויף א בלאטערל, ארומגערינגעלט מיט א רויטען פלעק (אנטציגדונג פון דער הויט ארום ביס). געוועהנליך פיהלט מען דעם ביס נאך איידער די מאסקיטא פארלאזט די הויט, און דאס בלאטערל לויפט אויף אין פארלויף פון אייניגע מינוטען צייט.

אין פאל פון פאיזאן אייווי דערפיהלט מען די ווירקונג ערשט אין אייניגע שטונדען ארום, אפטמאל ערשט אויף מארגען נאכדעם, ווי מען קומט אין באריהרונג מיט דער פאיזאן אייווי פלאנצע. צוערשט באווייזט זיך א רויטקייט אויף דער הויט, א לייכטע געשווילעכטס און א בייסונג, דאן ווערט א גרויסע טייל פון דער הויט באדעקט מיט ווייסע בלאטערלאך, אנגעפילט מיט סערום. דיזע בלאטערלאך ווערען גרעסער און פלאצען, שפּאַטער פענדיג אפענע וואונדען. אין מאנכע ערנסטע פעלע ווערט זאגאר מאטעריע געשאפען אין דיזע וואונדען.

די הויט פון די הענד און געזיכט איז אם מעהרסטען אנגעגריפען, ווייל דיזע הויט איז אפגעדעקט און אויסגעזעצט דער בארירונג מיט דער פאיזאן אייווי פלאנצע. ביי די וואס געהען ארום באָרוועס ווערט אויך די הויט פון די פיס אנגעגריפען, וועהרענד דורך קראַצען ווערט די ענטציגדונג פארשפרייט אויך אין אנדערע טיילען פון דער הויט.

ווי שוין פריהער געזאגט, ליידען ניט אלע מענשען גלייך. מאנכע מענשען שיינען צו באזיצען אין זייער הויט א נאטירליכען שוץ מיטעל גענען דעם גיפט פון פאיזאן אייווי. אזעלכע מענשען קאנען האלטען די פלאנצע אדער איהרע בלעטער אין זייערע הענד און ניט ליידען קיינע אונרעגעלמעסיגקייטען. אנדערע מענשען ליידען בלויז פון א לייכטע ענטצינדונג ווען זיי קומען אין באריהרונג מיט די בלעטער פון דער פאיזאן אייווי פלאנץ. אנדערע ווידער ליידען אזוי שטארק, דאס אויסער דער לאקאלער ענטציגדונג אין זייער הויט ליידען זיי אויך פון פיבער און אלגעמיינע שוואכקייט.

עס איז דארום ראטזאם פאר יעדען איינעם, וואס געפינט זיך אין א קאנטרי פלייס, וואו עס וואקסען פאיזאן אייווי פלאנצען, צו וואשען זיינע הענד און געזיכט און די גאנצע אפגעדעקטע הויט, באלד ווי ער קומט צוריק פון א שפאציר אין דער נאכבארשאפט, וואו עס וואקסען דיזע פלאנצען. אויב ער קען זיך באַדען אין ים וואסער נאך אזא שפאציר איז געוויס גוט, אויב ניט זאל ער געברויכען פיל זייף און וואסער. עס איז בעסער צו זיין צו פיל פארזיכטיג איידער ניט פארזיכטיג גענוג. אן אנגריף פון פאיזאן אייווי קען אמאל זיין אן ערנסטע אונאנגענעמליכקייט, און נאך אזא אטאַקע איז דער מענש זעהר עמפינדליך צו די גיפטען פון פאיזאן אייווי און קען עס קריגען שנעלער ווי די ערשטע אטאקע.

מיר דרוקען דא א בילד פון דער פאיזאן אייווי פלאנצע. אבער אזוי ווי דאס בילד גיט ניט איבער די ריכטיגע קאלירען פון דער פלאנצע ראטהען מיר יעדען וואס פאהרט אין קאנטרי זיך צו באקענען (פון ווייטענס) מיט דער פאיזאן אייווי פלאנצע אום צו וויסען פון וואס ער דארף זיך אויסהיטען.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

ה. קאהען. — דאס איז אונזער לעצטער ענטפער. מיר זיינען זיך מורה ומתורה, אז איהר האט אונז ווירקליך פארשטאנען. דען עס איז אוממעגליך צו ארגומענטירען מיט איינעם, וואס האט זיך איינגערעדט צו האבען א מאנאפאל אויף דעם ראדיקאלען געדאנק, אויף פראגרעס און אז. וו. עס איז גאנץ נאטירליך פאר אזא מענשען מיט אזא איינגעגלויבטקייט אין זיך צו האלטען אלע אנדערע פאר די ערגסטע רעאקציאנערען, און אז דאס איינציגע, וואס מען מוז טאן מיט זיי, איז צו באקעמפען זיי מיט אלע מיטלען. מיר גיבען דארום צו, אז עס איז געווען אויסגעווארפענע ארבייט פון אונזער זייט אונזערע לעצטע צוויי ענטפערס. פשוט אייערע אויערען זיינען פארשטאפט און קענען ניט צוהערען זיך צו דעם, וואס אווייער רעדט. נאטירליך, האבען מיר ניט קיין חרטה אויף דעם. האבען מיר דאך ניט געוואוסט, מיט וועמען מיר האבען צו טאָן, און מיר האבען געמעגט גלויבען, אז עס שאדט ניט צו מאכען א פרואוו. אגב קען זיין, אז אנדערע האבען געלעזען אונזערע ענטפערס, און זיי האבען יא עפעס געלערענט. ~~דערפאר~~ האבען מיר נאָך קיין חרטה פאר די פריהערדיגע, אבער ניט מעהר, מיר קענען ניט. לויט אונזער מיינונג רעדט איהר אין גאנצען אָהן די מינדעסטע איבערלייגונג. איהר האלט אין איין ווידערהאָלען די אויסגעדראָשענע פראזען וועגען דעם, וואס איהר זייט קליין אין צאָהל, און דער אמת שפּראָצט אימער ארויס פון די ווענינע. נאָר איהר האָפט, דאס איהר וועט וואקסען און וועט צוברעכען דעם מויער, וואס פארצאמט דעם וועג, פארשטעלט די ליכטיגע זון, און ז. וו., און ז. וו. מיר קענען אויף אזעלכע רייד גארניט, גארניט ענטפערען. מיר לאזען עס איבער — א ברירה האבען מיר — צו דער צייט. אפשר וועט זי אויפטאן דעם וואונדער און עפענען אייערע אויגען. מיר זיינען מיט אייך פארטיג. וואס אנבאטרעפט דאס, וואס איהר זאגט וועגען אונזער שטעלונג אין דער „גערעכטיגקייט" צום „פארווערטס", ערקלערען מיר אייך, אז עס איז נישט געשטיגען און נישט געפלויגען. איהר האט אדער אלעס אליין אויסגעטראכט, אדער איהר פארשטעהט פשוט ניט, וואס איהר לייענט. לויט מיר געדענקען, האבען מיר געראדע געמאכט א זעהר ביטער־סארקאסטישע באמערקונג צו דעם, וואס דער „פארווערטס" האט צוגעשטעפט א באמערקונג צו אבראמאוויטש'ס טעלעגראמע. מיר האבען קיינמאל, קיינמאל ניט געשריבען, אז דער „פארווערטס" האט די שרייבער זיינע, וועלכע זיינען אליין אוועק, שוין לאנג באדארפט ארויסצווארפען. צי איהר שרייבט אזעלכע ליגענס באוואוסטזיניג אדער ניט, דאס קענען מיר ניט זאָגען, אבער, ווי דאס זאל ניט זיין, עס איז פאר אונז קלאר, דאס מיט אזא לעזער, ווי איהר, איז צו שמועסען ארויסגעוואָרפענע ארבייט, און אויך אין גאנצען אונטער אונזער ווירדע. אונזער שמועס איז דארום צו ענד.

ז. ליפניק. — איהר מאכט א גרויסען מעות, ווען איהר מיינט, אז די ארבייטער־באוועגונג האט גענצליך פארגעסען אן מוני און ביללינגס. נייין, די ראדיקאלע ארבייטער האלטען אין איין ארבייטען אין דער קייט. אבער אפילו די זאגענאנטע קאנסערוואטיווע טרייד־יוניאן באוועגונג אינטערעסירט זיך שטארק מיט דעם שיקזאל פון מוני און בילינגס. אבער די לאגע איז אזא, אז די ארבייטער זיינען פשוט הילפלאז. דער שיקזאל פון מוני און בילינגס, כאטש עס איז שוין פאר אלעמען קלאר, אז זיי זיינען די קרבנות פון א שענדליכען „פריים־אפ", איז אזא, דאס אויסער דעם גאווערנאר קען קיינער גארניט טאן פאר זיי. מערקט אייך, שוין מיט עלף מאנאטען צוריק האט דער קאורט ערקלערט, אז די צוויי ארבייטער־פיהרער דארפען קריגען א נייעם פראצעס, לויט יושר, אבער צוליב טעכנישע גרינדע קען ער עס ניט אויספיהרען. בלייבט, אלזא, נאר איין וועג, און דאס איז א „פארדאן" פון דעם גאווערנאר פון קאליפארניע, און דאס וויל דער גאווערנאר דורכאויס ניט טאן. אונטער אזעלכע אומשטענדען איז די ארבייטער־באוועגונג אייגענטליך הילפלאז. אזוי לאנג, ווי מען האט געמוזט אגיטירען און באווייזען די אונשולד פון די צוויי ארעסטירטע, איז געווען וואס צו טאן, און דאס איז אויך געטאן געווארען זעהר גרינדליך. איצט אבער, אז די אונשולד איז שוין באוויזען געווארען אזוי קלאר, דאס זאגאר די ניו יארקער „איווינינג פאסט" האט ערקלערט זיך אין גאנצען אויף דער זייט פון מוני און בילינגס בלייבט דאך ניט קיין אנדער זאך, ווי צו ווארטען, ביז דער גאווערנאר וועט איינזעהן, ווי פארברעכעריש ער האנדעלט אין באצוג צו מוני און בילינגס, אדער ביז אפשר קאליפארניע וועט קריגען א נייעם גאווערנאר, וועלכער וועט פיהלען מעהר מענשליך, ווי דער איצטיגער. געוויס, עס איז דא נאך א וועג: אן אלגעמיינער סטרייק פון די ארבייטער אין קאליפארניע. אבער דאס ווענדט זיך שוין אן די ארבייטער פון קאליפארניע, און די, ווי עס זעהט אויס, זיינען דערווייל פון א גאנץ אנדער מיינונג.

י. דזשייקאבס. — ליידער האבען מיר ניט געקאנט זיין אין אפיס. אבער דאס איז שוין געווען כמעט ווי איבעריג נאכדעם, ווי מיר האבען זיך דורכגערעדט מיט וויים־פרעזידענט ס. לעפקאוויטש. מיר זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ברודער גוירווין האט געקראגען פאלשטענדיג דאס, וואס איהם האט געקומט. און דערוויסענדיג זיך פון ס. לעפקאוויטש'ן, אז ברודער גוירווין האט פון דעם פראפיטירט, דאס ניט נאר האט איהר איינגעמאנט פאר איהם די בעק־פעי, נאר דאס ער איז פארבליבען ארבייטען אויפ'ן פלאץ, און קריגט נאך איצט די פולע ווייגזשעס, דאן האט ער דאך דאס מאטעריעל גארניט געליטען, נאר פארקעהרט, ער האט נאך פראָפיטירט. בלייבט מעהר ניט די מאראלישע שטראף, האט ער זי, לויט אונזער מיינונג, כשר פארדינט.

גוירווין. — לייענט איבער אונזער ענטפער צו ברודער דזשייקאבס. וואס אנבאטרעפט אייער טענה, דאס אנדערע האבען אויך געארבייט אונטער'ן פרייז, נאר זיי האט מען ניט באשטראפט, ווייל זיי זיינען ניט געווען אזוי אפענהערציג, ווי איהר, איז דאס נאך אבער ווייט ניט באוויזען, אז דאס איז טאקע אזוי. נאר זאל זיין, אז עס איז אזוי, אבער אייך קען עס גאר קנאפ העלפען. דער פאקט איז, דאס איהר האט אליין ערקלערט, אז איהר האט עובר געווען אויף איינעם פון די וויכטיגסטע פארבאטען פון דער יוניאן, האט דאך די יוניאן ניט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי אייך צו באשטראפען. זי האט ניט געקאנט נעהמען אין אנבאטראכט די אומשטענדען, ווייל די דאזיגע זיינען דאך ניט קיין אויסערגעוועהנליכע פאר אן ארבייטער. און ווען זי וואלט אין דעם פאל געווען מילד, וואלט זי עס באלד געמוזט טאן טאג־איין־טאג־אויס, און דאס וואלט געמאכט צו גארניט דעם דאזיגען געזעץ פון דער יוניאן, וואס דאס וואלט געווען דער גרעסטער פעהלער, ווייל די ארבייטער וואלטען געווען די ערשטע, וועלכע וואלטען פון דעם געליטען. מיר דענקען, אז איהר דארפט אננעהמען דעם פסק פאר גוט, און ניט ציהען דערפון דעם שלוס, אז אין דער צוקונפט זאלט איהר ניט זאגען דעם אמת, נאר אז איהר זאלט האנדלען עהרליכער, שטאנדהאפטיגער אין דער צוקונפט, און פולען איינקלאנג מיט די געזעצע פון אייער לאקאל. דאס איז אזוי ווייט, ווי מיר קענען אייך ראטען. זאלט איהר דאך ניט איינפארשטאנען זיין מיט אונז, און זיך האלטען נאך אלץ פאר געקריוודעט, קענט איהר זיך ווענדען צו דער אפיל קאמיטע פון'ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. אפשר וועט זי דאך געפינען א זכות אויף אייך און אייער האנדלונג. כאטש, דעם אמת געזאגט, מיר גלויבען עס ניט.

נ. פ. — וועט פארעפענטליכט ווערען. מיר האלטען דעם דאזיגען בילד פאר זעהר געלונגען.

ה. סקולמאן. — ווערט פארעפענטליכט מיט א וואך שפעטער, ווי עס האט באדארפט זיין, צוליב אייער אייגענער שולד. אלעס, וואס דארף פארעפענטליכט ווערען אין דער „גערעכטיגקייט", אדרעסירט צו דער „ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט", בעסער אויף דעם נאמען פון דעם רעדאקטאר, ש. יאנאווסקי. נעהמט עס אין אכט פאר דער צוקונפט.

ל. פרידמאן. — איהר האט, ווי אונז דוכט זיך, אונז פאלש פארשטאנען. מיר האבען ניט געמיינט, אז מען האט זיך געווענדט מיט דעם סענטימענט פון א „ג ע ו ו י ס ע ן לאקאל", נאר מיט דעם אלגעמיינעם סענטימענט, וועלכער קען ביי זיך ניט פועל'ן, אז א לאקאל, וועלכער האט פונקציאנירט פאר יאהרען און יאהרען, האט געמאכט פאר זיך א נאמען אין דער אינטערנעשאנאל און א געוויסע שטעלונג אין דער ארבייטער־באוועגונג אין אלגעמיין, זאל דורך א שטריך מיט דער פעדער, דורך א רעזאלוציע, פאר'משפט ווערען צום טויט. דאס האבען מיר געמיינט. וואס אנבאטרעפט אייער פראגע וועגען דעם סענטימענט פון די טויזענדער דרעסמאכער, וואס ארבייטען אין ניט־יוניאן שעפער, פארשטעהען מיר באמת ניט, וואס האט עס פאר א סמיכות הפרשה מיט דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן. יעדענפאלס די לייזונג פון דער דאזיגער פראגע וועט באלד איבערגעגעבען ווערען צו א קאמיטע. דאס וועט געוויס געשעהן נאך אויף דעם מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו קאמיטעט, וואס וועט שטאטפינדען די וואך. און מיר זיינען איבערצייגט, אז די קאמיטע וועט אין דעם פאל טאן דאס בעסטע, וואס איז מעגליך אונטער די איצטיגע אומשטענדען.

גמליאל'ס צרות

(שלוס פון זייט 10).

האבען געשווינדעלט מיט רעגירונגס־קאנטראקטען, אין דער צייט פון דער מלחמה און נאך דעם וואפען־שטיל־שטאנד. מען שמועסט אז דאהערטי, אנ־שטאט פא־פאלגען אט די שווינדלער, באשיצט זיי נאר. חוץ דעם האט מען אויפגע־עקט עפעס ניט קיין שעהנע גע־שיכטע וועגען דאהערטי מיט'ן מיליאנער מארז. מארז איז געווען איינגעשפארט מיט א יאהר צעהן צוריק אין אטלאנטא געפינגניס פאר מעשים טובים, פאר־שטעהט זיך, און דאהערטי האט דאן איינגעווירקט ביים דאמאלסטיגען פרע־זידענט, טעפט, אז ער זאל מארז'ען בא־פרייען. און געטאן האט ער עס פאר געלט. ער איז אפילו דאן ניט געווען קיין אטורני דזשענעראל, אבער קיין שעהנע מעשה איז דאס ניט און גיט איהם ניט קיין כבוד. מען האט זיך דער־וואוסט אז מארז האט דאן גענעסען זייף כדי אפצונארען די דאקטוירים, אז ער איז געפעהרליך קראנק און אויף דעם סמך האט איהם טעפט באפרייט. — ניט קיין שעהנע מעשה.

עס פארשטעהט זיך, אז די רעפובלי־קאנער מאיאריטעט אין קאנגרעס איז גרויס גענוג ניט צו דערלאזען אזא סקאנ־דאליעזע אונטערזוכונג. די דעמאקרא־טען, ווידער, זיינען אויך ניט זעהר שטארק פאר דעם, ווייל אזא אונטערזו־כונג וואלט אויפגעדעקט ניט נאר די שעה־נע מעשים פון די רעפובליקאנער, נאר אויך פון די דעמאקראטען.

קיין אונטערזוכונג וועט אלזא ניט זיין, אבער אנגענעם איז דאס אויך ניט. און גמליאל האט דערפון צרות. ער האט עס אליין געזאגט אויף א קאנפערענץ מיט די צייטונגס לייט. נאך זיין מיינונג בא־געהען די צייטונגען אן עולה דערמיט, וואס זיי גיבען אזוי פיל פלאץ פאר אט די אלע אנגריפען.

און ער איז גערעכט, אונזער גמליאל. למאי מאכען אומויסטע שפיכות דמים, ווען אלץ וואלט נעקענט זיין אזוי גוט, אזוי שעהן און אזוי שטיל, ווען מען זאל נאר אלץ איבערלאזען צו איהם און זיינע „בעסטע מחות" און אלע זאלען נאר צו־מאכען די אויגען, קיין זאך ניט זעהן און פארשטאפען די אויערן כדי קיין זאך ניט הערען!

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קאן אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונ־גען, חתונות און אז. וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס.

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

דער

ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000

מיטגלידער — 82,000

בראנטשעס — 646

דער ארב. רינג שטיצט זיך דען ווירקליך עקאנאמי־שען און פאליטישען קאמף.

דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אי־דישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגליעדער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליעדער, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

דאון טאון אפיס פון די קלאוק־מאכער יוניאן האט געמופט

אין 33 2טע עוועניו

די נעקסטע הויז פון דעם יעצטיגען אפיס.

פון 1טען מערץ אן און ווייטער זאלען די קאמפליינטס געבראכט ווערען אין דעם נייעם אפיס.

אין נאמען פון דזשאינט באארד,

מ. דזש. רינגער, קאמפליינט קלערק.

איסט ריווער נעשאנאל באנק

680 בראדוויי, ניו יארק סיטי.

אינטערעסט ווערט געצאהלט יעדען מאנאט אויף ספעשעל אינטערעסט און סייווינג אקאונטס.

קליינע דעפאזיטס ווערען מיט פארזיכטיגען אנגענומען.

עפענט אייער אקאונט איצט

סייף דעפאזיט באקסעס $5.00 און העכער.

געלט ווערט געשיקט אין אלע טיילען פון דער וועלט.

די באהאנדלונג וואס מיר גיבען אונזערע „אלטע ביזנעס" איז דער אר־גומענט פאר'ן שטענדיגען וואקסען פון אונזער „נייע ביזנעס".

קלאוקמאכער

אויפמערקזאם!

קאמפליינטס פון קלאוק שעפער

ווערען אויפגענומען ווי בעפאר

אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

40 א. 23טע סט. קלאוק און ריפער שעפער אויפ'ן 1טען פלאר.

דרעס און סקוירט שעפער — אויפן 2טען פלאר.

פראטעקטיוו שעפער אויפ'ן 3טען פלאר.

קאמפליינטס פון דאון־טאון קלאוק שעפער

ווערען אויפגענומען

אין דעם דאון־טאון אפיס

35 איסט 2טע סטריט, קארנער 2טע עוועניו.

די קלאוקמאכער, וואס האבען קאמפליינטס צו מאכען, זאלען זיך ווענדען אין די אויבענדערמאנטע פלעצער.

איזראעל פיינבערג,
דזשענעראל מענעדזשער.

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל־דיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל און גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריי־דינג און פיטינג פאר פרויען קליי־דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מאטארען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

[illegible]נסטריישאן פריי אין דער סקול.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

15 WEST 37th STREET, NEW YORK

Phone: Fitz Roy 1674

Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

ה. צינז

110 איסט 16טע סטריט, ניו יארק.

(צווישען אירווינג פליים און 4טע עוועניו)

א דאקטאר פאר מענער און פרויען.

באראטונג פריי.

25 יאהר ערפאהרונג.

DR. TZINZ

110 East 16th St., New York.

אפיס שטונדען:
פון 9 פריה ביז 8 ביי נאכט.

זונטאג:
פון 9 פריה ביז 4 נאכמיטאג.

ווייט איהר פאראינטערעסירט אין אויסלענדישע געלט?

אויב יא האט איהר דא אן אויסערגעוויינליכע געלעגענהייט.

דאס געלד באקומט איהר גלייך.

5 מיליאן סאוועט רובעלס פאר	$12.50
100,000 עסטרייכישע קראנען	11.25
1 מיליאן עסטרייכישע קראנען פאר — — — — — —	111.00
100,000 עסטרייכישע רעגירונגס 6 פראצ. באנדס —	17.00
6 פראצענט באנדס — —	17.00
100,000 ווינער 5% באנדס,	19.00

אלע ווערט גלייך דעליווערט

מיר פארקויפען פאר קעש אדער קרעדיט אלע אויסלענדישע געלדער און באנדס צו די ביליגסטע פרייזען.

מיר רעכענען פאזיטיוו קיינע אינטערעסט.

UNITED FOREIGN EXCHANGE
Our Only Store
1390 Broadway, cor. 38th St.,
New York, Tel. Fitzroy 2495-3980

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע



פרינשטיין'ס

פרייוועט דרייווינג סקולע איז די איינציגע סקול, און וועלכער איהר קענט לערנען א גוטער דרייווער, און קורס אין דרייווינג פון לייזים גארמענטס מיט זעהר ליבעראלע באדינגונגען. פארנאכלעסיגט ניט די געלעגענהייט, ווייל יעצט איז די צייט פאר דעם.

פרינשטיין'ס פרייוועט דרייווינג אקאדעמי
פרינשטיין'ס בילדינג
81 וועסט 118טע סטריט, ניער לענאקס עוו.
טעלעפאן יוניווערסיטי 4943.

קורץ און שארף

(שלום פון זיין וו.)

ריק נאך אמעריקא. ווי ערקלערען, אז די אינזשענירען און רוסלאנד ווילען ניט אויפבויען, ווי מען האט פאר זיי דא אויסגעמאכט, קענט איהר ציטען די דאזיגע אויסמעלדער און קענט איהר זיי ניט זאגען, ווי געמיין דאס איז צו פארפיהרען אומשולדיגע מענשען, צו צוברעכען זייערע היימען, זיך צו רואינירען ממש דורך פאלשע, ליגנערישע בילדער וועגען דעם אייביגער גן-עדן אין רוסלאנד?

פרעזידענט הארדינג איז שטארק ברוגז אויף די ציייטונגען, וועלכע פארעפענטליכען אזוי פיל פלאץ מיט די אטאקען אויף די רעגירונגס-באאמטע, וועלכע קומען פאר אין קאנגרעס און סענאט. אזעלכע זאכען דארפען, לויט זיין מיינונג, בלייבען צווישען אייגענע. דער גרויסער עולם דארף ניט וויסען פון אזעלכע זאכען. אונזער פרעזידענט איז באמת גערעכט. אזעלכע מעשיות, ווי, למשל, וועגען דאגערטי, אונטערגראבען ממש דעם רעספעקט צו אונזערע אויטאריטעטען.

ביידע פריים-מיניסטארען פון ענגלאנד און פראנקרייך לאזען ניט פארבייגעהן א טאג, און וועלכען זיי זאלען ניט לאזען וויסען די וועלט וועגען דעם שטארקען אונצוטרייסבארען בונד צווישען ענגלאנד און פראנקרייך. דאס איז דער בעסטער סימן, אז די באציהונגען צווישען די ביידע לענדער זיינען אין דער אמת'ן זעהר אנגעשטרענגטע, און דאס יעדען טאג קען עס פאסירען, אז דער שטארקער בונד זאל פלאצען, און די נעכטיגע פריינד זאלען זיך ווערען דם-שונאים. אויב דאס האט נאך ביז איצט ניט פאסירט, איז עס נאר דערפאר, ווייל ביידע פיהלען נאך גאנץ שוואך נאך דער בלוטיגער מלחמה-ציט, וואס זיי האבען דורכגעמאכט אין דער וועלט-מלחמה.

איך צווייפעל זעהר, אויב מיר וועלען דא, אין אמעריקא, שוין האבען אמאל די געלעגענהייט צו טרינקען עפענטליך אביסעל אמת'ע ביער אדער א גלעזעל וויין, און ניט זיין אין געפאהר באשטראפט צו ווערען אלס געזעצליכער פארברעכער. צום גרויסען טייל זענען עס אט, וויפיל קאפיטאל עס האבען די מאנופאקטשורער פון אלערליי ווייכע „געטרענקע", ווי קאקא-קאלא, סאדא-וואסער, גרייפ-דזשוס, און ז. וו. אין אינפעקציאנאלטען דעם פראהיבישאן געזעץ אין זיין גאנצער גאנצקייט.

די גאנצע קריסטליכע וועלט פראטעסטירט געגען דעם ארעסט פון דעם גלח טיכאן. זיין ארעסט ווערט באטראכט אלס אן אטאקע אויף דער רוסישער קירכע. די גאנצע סאציאליסטישע און ארבייטער וועלט פראטעסטירט געגען די אונגעזעצליכע ארעסטען פון ארבייטער און סאציאליסטען אין רוסלאנד. דאס ווערט באטראכט אלס אן אטאקע אויף די פרייהייט פון ווארט, פון דער פרעסע, אויף די מענשליכע ציוויליזאציע אין אלגעמיין. לענין מוז געוויס זיין איצט אין א גרויסער פארלעגענהייט: וועלכען פון די ביידע פראטעסטען איינצונעהמען צוערשט? און, אפשר, איז עס גארניט אזא שווערע פראגע פאר איהם. סאציאליסטען און ארבייטער זיינען דאך אייגענע מענשען, מו וואס איז זיך דא פערעמאניען מיט זיי? ווי פראטעסטירען? איז וועמען ארט עס? גאנץ אנדערש אבער, ווען די קריסטליכע וועלט, ווען די קירכע און גאנץ יורא פראטעסטירט. איהר דארף מען ענטפערען, און, ווי ווייט מעגליך, איהר באנוגען דורך די באלדיגע באפרייאונג פון דעם גלח, וועמען עס איז לכתחילה געווען א נארישקייט צו ארעסטירען: איז ער דאך ניט קיין מענשעוויק, ניט קיין עס-ער, און קיין אנארכיסט, רחמנא לצלן, אודאי ניט.



גוט צוגעפאסטע אויגען-גלעזער מאכט אייך ריכטיג זעהן.

גוט צוגעפאסטע אויגען-גלעזער קען מען באקומען נאר אויף איין וועג, — די אויגען מוזען עקזאמינירט ווערען פון אן אפטאמעטריסט, וועלכער איז א רעדזשיסטרירטער דאקטאר, און די גלעזער מוזען פארפערטיגט ווערען פון א פעהיגען אפטישאן.

דר. בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי, ניער קלינטאן סט.
102 לענאקס עוועניו, נעבען 116טע סט.
895 פראספעקט עווע., נעבען 163טע סט.
170 פיטקין עווע., נעבען ראקאוועי עווע.
262 איסט פארדהאם ראוד, בראנקס.
2313 7טע עוו., צווישען 136 און 137 סט.

ניו יארק אידזשענסי
פון דער

„באנקא נאציאנאלע דעל רעדיוס"

231 איסט 14טע סטריט, ניו יארק.

אין דער בילדינג פון לאקאל 48 אינט. לאדיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

געלט ווערט איבערגעשיקט נאך אלע וועלט-טיילען צו זעהר מעסיגע פרייזען.

מיר קויפען און פארקויפען באנדס און אלערליי אויסלענדישע געלדער.

פרייער ראטה וועגען אימיגראציע צו יעדער צייט.

דער פלאץ איז אפען ביז 7 אזייגער אין אוונט

גרויסע אקאדעמיע פאר דרעסמייקינג און קאטינג, עמבראידערי דעזיינינג.

פראפ. א. ד'לעסיא
44 וו. 34טע סט.
322 לענאקס עווע.
(126טע סט.)

קורסען פאר יונגע פרויען מעטרען מייקינג, סקעטשינג. סעמעסטער-קורס $5.00

יוני נומער שוין ערשינען

לעזט און פערשפרייט

דער אידישער
פרויען זשורנאל
THE JEWISH WOMAN'S HOME JOURNAL

געווידמעט דער היים
און דער פרוי

— רעדאקטירט פון —
וויקטאר מירסקי

דער גרעסטער, שעהנסטער און בעסטער זשורנאל וואס איז ווען ערשינען אין דער אידישער שפראך

פאר דער פרוי:
די נייעסטע סטיילס
הויז ווירטשאפט
הויז דעקאראציעס
ווי צו האלטען זיך שעהן
ווי צו הארעווען קינדער
הארץ צו הארץ געשפרעכען
עצות צו לייענערע
ראט צו מוטערס

אלעס געשריבען פון די טאלאנטפולסטע שרייבער און עקספערטען, יעדער פראמינענטער אידישער שרייבער וואס האט עטוואס גוטעס צו זאגען און שאפען איז אונזער מיטארבייטער.

פאר אלעמען
סענזאציאנעלע ראמאנען
בעסטע ערצעהלונגען
אינטערעסאנטע סקיצען
שעהנסטע פיעשורס
באלערענדע ארטיקלען
פראכטפולע אילוסטראציעס
טעאטער, מואוויס, מוזיק
לעבעדיגער הומאר

ספעציעלע קינדער אבטהיילונג
און ענגלישער דעפארטמענט

דער פרויען זשורנאל ערשיינט יעדען מאנאט
פרייז: 15 סענט א קאפיע — $1.50 א יאהר

ספעציעלער פרעמיום-אפער!

די, וועלכע וועלען גלייך אריינשיקען $1.50 פאר א יאהר סובסקריפשאן צום "פרויען זשורנאל", וועלען זיי קריגען דיזען שעהנעם, רייכען זשורנאל צוגעשיקט צו זייער אהיים יעדען מאנאט און דערצו וועלען מיר זיי גלייך צושיקען דעם

אידישען אלמאנאך אבסאלוט פריי!

דער אידישער אלמאנאך איז דאס גרעסטע און בעסטע אינפארמאציאנס-ווערק וואס איז ווען ערשינען אין דער אידישער שפראך אין אמעריקא. דער אידישער אלמאנאך דארף זיך געפינען אין יעדער אידישער היים.

דער "פרויען זשורנאל" בעשטעהט פון 64 גרויסע זייטען, געדרוקט אין צוויי קאלירען און פראכטפול אילוסטרירט. — אן עכט אמעריקאנער זשורנאל אין אידיש.

פילט אוים דעם קופאן און שיקט עס צו היינט
(שרייבט אייער נאמען דייטליך אין ענגליש)

JEWISH WOMAN'S HOME JOURNAL
116 Nassau Street, New York, N. Y.

ווערטהע העררען:

איך שיק אייך הערמיט $1.50 פאר וועלכע ביטע שיקט מיר דעם "פרויען זשורנאל" יעדען מאנאט פאר א יאהר צייט, און שיקט מיר אויך גלייך ארוים דעם אידישען אלמאנאך, אבסאלוט פריי, אלס פרעמיום צו מיין סובסקריפשאן.

Name....................................

Address....................................

City or Town....................................

(שיקט אייער סובסקריפשאן דורך מאני ארדער, טשעק, קעש אדער אין צוויי-סענטיגע-סטעמפס)

G.

פארנאכלעסיגט ניט אייערע ציהן!

פערנאכלעסיגט ניט אייערע ציהן. מיינט ניט — געזונטע ציהן און ניט-געזונטע ציהן פערורזאכען מאגען-קאטאר, הארץ שוואכקייט, רומאטיזם און אנדערע ערנסטע קראנקהייטען. דערפאר האט די צאהן-קליניק פון דעם יוניאן העלטה סענטער פון דער א. ל. ג. וו. י., 131 איסט 17טע סטריט, וועלכע איז איינגעריכטעט מיט אלע מאדערנסטע אפאראטען ווי עקס-ריי מאשינען א. ז. וו., איינגעפיהרט פרייע ציהן-עקזאמינירונג און באהאנדלונג בלויז פאר 1 דאלאר (איינשליסענדיג צאהן-פייסט און א בערשטעל פריי) ניט נאר פאר די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל נאר אויך פאר אלע אנדערע יוניאן-ליים און זייערע פאמיליעס. די קליניק איז אפען טעגליך ביז 8 אין אוונט; פאר דער איינדאלארדיגער באהאנדלונג — פון 9 אין דער פריה ביז 5 בייטאג.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יארק

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

[illegible]

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 24. | New York, Friday, June 16, 1922. | פרייטאג, דעם 16טען דזשון, 1922 | PRICE 3 CENTS

אונזערע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. אפאינטעט אין וויכטיגע קאמיטעס

פרעזידענט שלעזינגער טראגט אריין א רעזאלוציע געגען אנטיסעמיטיזם אין הארווארד קאלעדזש. — אונזער דעלעגאציע טראגט אריין א צווייטע רעזאלוציע צו גרינדען ארבייטער קאלעדזשעס, און א דריטע רעזאלוציע צו העלפען ארגאניזירען אלע ליידיס גארמענט װארקערס.

די 42טע יערליכע קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר האט זיך געעפענט מאנטאג אין דער פריה, דעם 12טען יוני, אין סינסינעטי, אהייא. אויף דער קאנווענשאן זיינען דא איבער 500 דעלעגאטען, וועלכע פארטרעטען 3 מיליאן, 165 טויזענד גוט־שטעהענדע מיטגלידער פון די אמעריקאנער יוניאנס איבער'ן לאנד.

פרעזידענט גאמפערס האט געעפענט די קאנווענשאן מיט א שעהנער, שטארקער רעדע, וועלכע איז פון די אנזועזענדע איינגענומען געווארן מיט א סך ענטוזיאזם. א באזונדערס גרויסען שטורם פון אפלאדיסמענטען האבען ארויסגערופען זיינע ווערטער, ווען ער האט געווארענט די שונאים פון די ארבייטער, אז די ארגאניזירטע ארבייטער וועלען באנוצען יעדען פארזוך צו פארניכטען די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג מיט אן ענטשלאסענעם קאמף און מיט דער גאנצער מאכט, וואס זיי באזיצען. „מיר פארשטעהען זיי, — האט פרעזידענט גאמפערס אויסגעשריען, — און מיר זיינען גרייט אויפצונעהמען דעם קאמף. מיר זיינען אפילו מעהר גרייט צו דעם קאמף ווי זיי זיינען. מיר וועלען אנגעהן מיט אונזער ארבייט נאך מיט מעהר ענטשלאסענהייט ווי ביז איצט“.

פרעזידענט גאמפערס האט ערקלעהרט, אז די ארבייטער זיינען ניט גענארט ביי זיך. זיי ווייסען, אז זיי וועט אויסקומען אנצופיהרען א ביטערען קאמף, און ער האט פארזיכערט, אז זיי וועלען דעם קאמף אויפנעהמען און זיי וועלען קעמפען ווי עס פאסט זיך פאר גוט־ארגאניזירטע ארבייטער.

פרעזידענט גאמפערס האט געמאכט א שארפע אטאקע אויף דער „אפען שאפ“־באוועגונג אלס א פארזוך צו פארניכטען די יוניאנס. די היפאקריטען, — האט ער געזאגט, — פארמאסקירען זייער טייוועלישען פלאן פון „אפען שאפ“ אונטער דעם קלינגענדען נאמען „אמעריקען פלען“. דערמיט פארשוועכען זיי די אמעריקאנער פרינציפען, דעם הויפט באדען פון די אמעריקאנער אינסטיטוציעס. דער „אמעריקען פלען“, וואס עס הייסט אויף'ן פשוט'ען לשון דער „אפען שאפ“, האט ער געזאגט, איז אייגענטליך א „קלאוזד“ שאפ, דאס הייסט ער איז קלאוזד פאר יוניאן־ארבייטער.

רעדענדיג וועגען די באציהונגען צווישען קאפיטאל און ארבייט, האט גאמפערס ערקלעהרט, אז ער איז פאר דעם, דאס די סכסוכים צווישען ארבייטער און באסעס זאלען געשליכטעט ווערען דורך קאנפערענצען, כדי מען זאל אויסמיידען ווי ווייט מעגליך אומנויטיגע קעמפע. די באסעס דארפען אבער ניט פארגעסען, אז ארבייטער זיינען ניט קיין מאשינען, אז זיי זיינען מענשען, און אלס אזעלכע דארף מען מיט זיי פארהאנדלען. זיי דארפען אויך וויסען, אז די יוניאנס קענען מיט זיי פארהאנדלען בלויז דאן, ווען ביידע צדדים וועלען האבען גלייכע רעכטע ביי די קאנפערענצען.

גלייך נאכדעם ווי גאמפערס האט פארענדיגט זיין רעדע, האט די קאנווענשאן איינגענומען דעם רעפארט פון דער קאנווענשאן קאמיטע און האט אנגעהויבען איינטיילען די פארשיידענע קאמיטעס.

אונזערע דעלעגאטען אין וויכטיגע קאמיטעס.

די דעלעגאטען פון אונזער אינטערנעשאנאל געפינען זיך אין איינציגע וויכטיגע קאמיטעס. פרעזידענט שלעזינגער

(שלוס אויף זייט 16)

גענעראל עקזעקוטיוו באארד באשליסט $150,000 פאר ארגאניזאציאנס ארבייט

נאך אנדערע וויכטיגע באשלוסען.

דאנערשטאג אין דער פריה, דעם 8טען יוני, האט זיך געעפענט די ערשטע זיצונג פון דעם ניי־ערוויילטען גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. דער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין סינסינאטי, אהייא, וואו עס קומט איצט פאר די קאנווענשאן פון די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר.

דער מיטינג האט געדויערט איינינע טעג און עס זיינען דארט געפאסט געווארען גאנץ וויכטיגע באשלוסען. דאס איז געווען דער ערשטער פערטעל יעהרליכער מיטינג פון דעם נייעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד און אויף דעם מיטינג האט מען געדארפט באטראכט ווערען די באשלוסען פון אונזער לעצטער קאנווענשאן אין קליוולאנד, און ווי אזוי אמבעסטען זיי דורכצופיהרען אין לעבען.

קודם כל איז באטראכט געווארען דער באשלוס פון דער קאנווענשאן אנצופאנגען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין צווישען אלע ניט ארגאניזירטע ליידיס גארמענט װאירקערס איבער'ן גאנצען לאנד, און די אלע צייטונגען פון דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע. דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען גלייך זיך צו נעמען פאר דער גרויסער ארגאניזאציאנס ארבייט און פאר דעם צוועק איז אסיגנירט געווארען די סומע פון 150,000 דאלאר.

אזוי, דער ארגאניזאציאנס קאמפיין וועט באלד זיך אנהייבען און עס איז צו האפען, דאס די אקטיווע, טעטיגע מיטגלידער פון אונזערע יוניאנס איבער'ן גאנצען לאנד, וועלען נעמען מיטהעלפען אין דער ארבייט די אינטערנעשאנאל ארגאניזירען וואס וועלען זיך נעמען פאר דער ארבייט.

נאך אנדערע באשלוסען פון די ערשטע זיצונגען פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד וועלען די לעזער געפינען אין א ספעציעלען ארטיקעל פון ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט“, אויף זייט 9 פון דער צייטונג. וועגען די באשלוסען פון די לעצטע זיצונגען, וועלען מיר איבערגעבען נעקסטע וואך.

צו דער עפענונג פון די יוניטי הייזער פון אונזערע וויסט און דרעס מאכער

די יוניטי הויז פון די ניו יארקער וויסט און דרעסמאכער עפענט זיך דעם פרייטאג, דעם 16טען. — די יוניטי הויז פון די פילאדעלפיער וויסט און דרעס מאכער עפענט זיך דעם זונטאג, דעם 18טען. — קלאסישע קאנצערטען אין ביידע יוניטי הייזער צו דער ערעפענונג.

די וואך עפענען זיך ביידע יוניטי־הייזער פון אונזערע וויסט און דרעס־מאכער. די גרויסע אימעניע פון אונזערע וויסט און דרעס מאכער אין פארעסט פארק עפענט זיך דעם פרייטאג, דעם 16טען יוני.

וועגען דער יוניטי אימעניע פון אונזערע וויסט און דרעס מאכער פון ניו יארק, וועלכע געפינט זיך אין פארעסט פארק, אויף די „בלויע בערג אין פענסילוועניא“, איז שוין א סך געשריבען געווארען, אבער וויפיל מען זאל וועגען דער אימעניע ניט שרייבען, קען מען אלץ ניט איבערגעבען וואס דאס איז אווינס אין דער ווירקליכקייט. מען מוז זיין דארטען, מען מוז אליין זעהן, דאס אליין אנקוקען, אום צו קענען ריכטיג אפשאצען דעם גאנצען פראכט, די רייכקייט פון דער נאטור, ווי דעם לוקסוס פון איינריכטונג, מיט די אלע קאמפארטען וואס שטעהען צוזאמען די „יוניטי הויז“.

צו זאגען, אז די יוניטי־הויז איז א זומער־פלאץ מיט אלע רעכטע, מאדערנע איינריכטונגען, איז כמעט ווי גארניט געזאגט, ווייל די יוניטי־הויז איז באמת א סך מעהר ווי דאס. עס איז א רייכער פלאץ, געבויט פאר דער אריסטאקראטיע. בלויז דער צופאל פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האט עס געמאכט אז דער פלאץ זאל מוזען פארקויפט ווערען, און אז אן ארבייטער־ארגאניזאציע זאל עס קענען אפקויפען, און דער רעזולטאט איז, דאס דער „פארעסט פארק האטעל“, — אזוי האט דער פלאץ פריהער געהייסען — וואו די רייכע פלעגען ארויסקומען הולטייעווען, איז איצטער דער ערהוילונגס־פלאץ פאר ארבייטער, פאר די מענער און פרויען, די מיטגלידער פון די אינטערנעשאנאל לאקאלס אין און ארום ניו יארק.

די יוניטי הויז איז טאקע דאס אייגענטום פון דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס־מאכער יוניאן. די יוניטי־הויז איז אבער דער שטאלץ פון אלע מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל. און עס איז אויך דער שטאלץ פון אונזער גאנצער ארבייטער־באוועגונג. די גאנצע ארבייטער־באוועגונג איז שטאלץ מיט דעם אויפטו פון די וויסט און דרעס־מאכער, צו שאפען

(שלוס אויף זייט 16).

א צווייטער „האיק“ פון סטודענטס קאונסיל דעם זונטאג פריה

דער „האיק“ און אוטינג פון דעם סטודענטס קאונסיל, זונטאג, דעם 4טען יוני, איז געווען א גרויסער ערפאלג. א גרויסע צאהל מענער און פרויען זיינען אויסגעפאהרען און האבען פארבראכט אן אנגענעהמען טאג אין דער פרישער לופט און אין א שעהנער אומגעבונג. דער עולם האט זעהר גוט פארבראכט אין פארשיידענע „גיימס“, מיט געזאנג און דעקלאמאציעס. דער עולם האט זיך אזוי גוט אמוזירט, אז מען האט גלייך גענומען רעדען וועגען דעם, ווען עס וועט זיין א צווייטער אויספאהר.

האט דער סטודענטען־קאונסיל באשלאסען גלייך צו מאכען א צווייטען אויספאהר, און דאס וועט זיין דעם זונטאג, דעם 18טען יוני. דאס מאל וועט מען אויספאהרען נאך אלפיין, ניו דזשוירזי. די סטודענטען פון אונזער ארבייטער־אוניווערזיטעט און פון די יוניטי סענטערס, מיט זייערע פריינט אין באקאנטע ווערען געבעטען צו קומען.

אלפיין איז א וואונדער שעהנער פלאץ ביים ברעג פון הארסאן ריווער. די וואס וועלען אויספאהרען וועלען זיך טרעפען זונטאג, 9 א זייגער אין דער פריה, ביים וואן קארטלאנד פארק סאבוויי סטיישאן. א קאמיטע פון סטודענטס־קאונסיל וועט דארטען אלעמען אפווארטען און פאנאנדערווארפען מיט וועלכער קאר צו פאהרען ווייטער, ביז „געטעס סקווער“ אין יאנקערס. פון יאנקערס פאהרט מען אריבער דעם הארסאן ריווער מיט א פערי באוט ביז אלפיין, ניו דזשוירזי. עס איז א זעהר שעהנער געגענד און עס איז גאנץ אנגענעהם צו פאהרען אהין.

נאטירליך, דעם טאג וועט מען פארברענגען אויף'ן שעהנסטען און בעסטען אופן, לויט דער פראגראם, וואס דער סטודענטס־קאונסיל האט אויסגעארבייט. מען וועט ווידער פארברענגען מיט געזאנג, דעקלאמאציעס און פארשיידענע „גיימס“. די וואס וועלען ארויספאהרען דארפען מיטנעהמען לאנטש און א קאפ אויף צו טרינקען. דאס איבעריגע וועט שוין די קאמיטע באזארגען. די וואס וועלען אויספאהרען זיינען געבעטען צו זיין אין צייט. געדענקט: 9 אזייגער דארף מען שוין זיין ביי דעם וואן קארטלאנדט פארק סאבוויי סטיישאן.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט“ נומער 24.

זייט 2. די וואך — נ. ש.
זייט 3. יוניאן טעטיגקייט אין אפיס פון פראטעקשאן דיוויזשאן — א סטעף רעפארטער.
זייט 4. די קאסטאם דרעסמאכער יוניאן לאקאל 90 — מ. בערנארדסקי. עקזעקוטיוו באארד מיטינג לאקאל 25 — טשארלס דזשייקאבסאן. בריף אין רעדאקציע—וו. אייזנער און מ. קופער.
זייט 5. עניניםפון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע—ל. פינקעלשטיין.
זייט 6. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן — מ. ק. מאקאף.
זייט 7. דער פארשטארבענער הייליגער (ערצעהלונג) — תלוש.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל. א פארמער ווידליד — נפתלי גראס.
זייט 9. אונזער נייער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד — ש. יאנאווסקי.
זייט 10. די אויסזיכטען פון דער האגער קאנפערענץ — נ. טאביאס. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. גאמפערס' מאדנע שטעלונג צו קינדער־ארבייט געזעצען — ב. מיימאן. צוויי דורות — אברהם רייזען.
זייט 12. דער סיסטעם פון עפישענסי און זיין באדייטונג פאר די ארבייטער — ל. באראדולין.
זייט 13. קורצע שמועסען. און אויפרוף.
זייט 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. צו דער ערעפענונג פון די פילאדעלפיער יוניטי הויז — ה. בערנשטיין. שלוסען פון דער ערשטער זייט.

די קאנפערענצע מיט די קלאוק מאנופעקטשורער אפגעלייגט פאר צוויי וואכען צייט

(שלוס פון זייט 1)

צווייטע: ער א געשריבענעם דאקומענט, וועלכער איז געווען פארעפענטליכט אין פאריגען נומער „גערעכטיגקייט", אין איין דעם צווייטען קאנפערענץ האבען די באלעבאטים געבראכט נעבען דעם ענטפער. אין יענעם דאקומענט איז געזאגט געווא־רען קלאר און דייטליך, דאס די מאנו־פעקטשורער זאלען מעהר ניט טראכטען וועגען ווידער איינפיהרען שטיק־ארבייט, וועגען פארלענגערען די ארבייטס־וואך, און אויך ניט זוכען א „סטענדערד אוו פראדאקשאן". און אין די טרייד־רייזען האט מען געווארט מיט אומגעדולד, וואס די פאבריקאנטען אסס'ן וועט אויף דעם ענטפערן.

אין דער ענטפער פון דער אסס'ן איז געקומען. די פארשטעהער פון דער אסא־סיאיישאן האבען אויף דער צווייטער קאנ־פערענץ ערקלעהרט, אז זיי גיבען אויף די דריי ריינען דערמאנטע פאדערונגען. גלייכצייטיג האבען זיי אבער אריינגע־שטעלט דער יוניאן פיר נייע פאדערונגען, וועלכע זיינען פונקט אזוי שלעכט ווי יע־נע דריי, פון וועלכע זיי האבען זיך אפ־געזאגט.

ווייטער פיר נייע פאדערונגען זיינען:

אז זיי זאלען קענען דיסטשארדזשען ארבייטער אין געוויסע פעריאדען פון יאהר און ניט דארפען אפגעבען דין וחשבון פאר דעם דער יוניאן;

אז מען זאל אפשאפען די ליגעל־האלי־דייס;

אז מען זאל מאכען א רעדאקשאן אין די וויידזשעס;

און אז די יוניאן זאל זיך ניט מי־שען ווען די מאנופעקטשורערס וועלען אריינברענגען נייע מאשינערי אין די שע־פער.

אויף דעם האבען גלייך געענטפערט פרעז. שלעזינגער, דער ווארט־פיהרער פון דער יוניאנס קאנפערענץ - קאמיטע, און געגאסע מאריס הילקוויט, דער ליגעל אד־ווייזער פון דער יוניאן. עס האט זיך אנגעהויבען אן ארגומענטען־שלאכט צווי־שען די פארשטעהער פון ביידע צדדים. שלעזינגער און הילקוויט האבען ניט גע־לאזען פארבויגען קיינע פון די אויסגע־שטעלטע ארבייטער רעכטע. זיי האבען ערקלעהרט, אז פונקט אזוי ווי עס איז געסעטעלט אין דער אינדוסטריע די פרא־גע פון וואך־ארבייט, אזוי איז שוין אויך געסעטעלט פאר דער אינדוסטריע די פרא־גע פון דיסטשארדזש און ליגעל האלי־דייס; וואס איז שייך וויידזשעס, איז די יוניאן פאראינטערעסירט און וועט פאר דעם שטרייטען מיט אלע כחות, אז אויב די מאנופעקטשורערס קאנען ניט פארלענ־גערען די ארבייטס־סיזאנס און דערמיט פארזיכערען אן עהרענהאפטען לעבענס־עקזיסטענץ פאר די ארבייטער, מוז דער שטאנדפונקט זיין, אז די איצטיגע וויידזשעס זיינען נאך צו קליין.

וואס איז שייך צו נייע מאשינערי אין די שעפער, האבען די פארשטעהער פון דער יוניאן ערקלעהרט, אז די יוניאן איז קיינמאל ניט געווען געגען לאזען איינ־שטעלען נייע מאשינערי, אבער די יוניאן נעהמט ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז נייע מאשינערי דארף ברענגען נוצען דעם ארבייטער פונקט אזוי ווי עס ברענגט נו־צען דעם מאנופעקטשורער. אויב די בא־לעבאטים רעכענען איינצושטעלען נייע פרעס מאשינען, צום ביישפיל, דארפען די פרעסערס ציהען נוצען פון אזא סארט מאשינערי פונקט אזוי גוט ווי די מאנו־פעקטשורער.

די פארשטעהער פון דער אסאסיאיי־שאן האבען צו דעם ניט צוגעשטימט און עס האט זיך ווידער אויפגעהויבען א ווער־טער־שלאכט צווישען ביידע צדדים. מען האט זיך ניט געקאנט אייניגען און די פארשטעהער פון דער אסס'ן האבען פאר־לאנגט, דאס אזוי ווי מען קאן זיך נישט אייניגען אויף די פונקטען זאל עס איבער־געגעבען ווערען צו ארביטריישאן.

פרעזידענט שלעזינגער האט אויף דעם געענטפערט, אז די פראגען פון דיס־טשארדזש און אפילו פון די ליגעל האלי־דייס זיינען שוין איינמאל געווען פאר אן ארביטריישאן באארד און אז די פונק־טען וועגען דעם אין דעם איצטיגען אג־רימענט זיינען א רעזולטאט פון יענע אר־ביטריישאן שליכטונגען.

קורץ, נאך אן אוועגער דיסקוטירען איז געבליבען, אז אלע די פראגען זאלען אי־בערגעהן צו א סאב־קאמיטע צוזאמענ־געשטעלט פון דער יוניאן און דער אסס'ן.

עס איז אויך פארשטאנען געווארען, דאס ביז דיזע קאמיטע וועט זיך קענען אייניגען און אלע פארהאנדלונגען וועלען זיין געענדיגט, מוז דער איצטיגער אגרי־מענט בלייבען אין קראפט און קיין שום ענדערונג טאר ניט געמאכט ווערען אין די שעפער. דאס די קאמפליינס, ווי מען האט געסעטעלט ביז איצט מוזען אויף דעם זעלבען אופן אויך געסעטעלט ווע־רען אויף ווייטער.

בייד דער צייט פון דער קאנפערענץ האבען זיך די יוניאן־פארשטעהער צוריק־געצויגען פאר א ווייל־ע און געהאט א בא־ראטונג צווישען זיך.

דזשארדזש דזשאבלא, דער פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן איז ווידער געווען דער טשערמאן פון דער קאנפערענץ, און י. פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, איז געווען דער וויים־טשערמאן.

* * *

די ווייטערע קאנפערענצען צווישען די סאב־קאמיטעס.

פרייטאג, שבת און מאנטאג זיינען פארגעקומען זיצונגען פון די סאב־קאמי־טעס פון ביידע צדדים.

די פאלגענדע פערזאנען שטעלען צו־זאמען די סאב־קאמיטעס פון ביידע צדדים:

פון יוניאן־צד: פרעז. שלעזינגער; איזראעל פיינבערג, דזשענעראל מענע־דזשער פון דזשאינט באארד; בערנארד שעהן, בענזשאמין לעפקאוויטץ, לואיס היי־מאן, ד. דובינסקי, דזש. העללער, ה. וואנ־דער און דזש. ברעסלאו, די מענעדזשערס פון די גרעסערע דזשאינט באארד לא־קאלס, און דזש. רובין, דער מענעדזשער פונ'ם „פראטעקטיוו דיוויזשאן".

פון דעם מאנופעקטשורער צד: פרעז־זידענט דזשאבלאו, מאקס לאכמאן, סאול זינגער, טשארלס כטוירן, דזשוליוס בלאו־נער, לואיס פאמעראנץ, ע. דזש. ווייל און סעמיועל קליין.

נאטירליך מיט דיזע קאמיטעס זיי־נען אויך געווען די לויערס פון ביידע צדדים, מאריס הילקוויט, פון דער יוניאנס זייט און מאקס ד. סטויער, פון די מא־נופעקטשורערס זייט.

אויף דיזע קאנפערענצען האט מען ווי־דער ארגומענטירט, דעבאטירט, גערעדט און געדונגען זיך, אבער וואס העלפט עס? די יוניאן האט גאר ניט וואס ארונטערצו־לאזען. די יוניאן וועט קיינמאל ניט נאכ־געבען דעם פארלאנג פון די מאנופעקטשו־רער אפצוזאגען ארבייטער אהן „א רע־זאן". זי וועט אויך ניט צוריקגעבען די „ליגעל האלידייס", צו וואס אלע וואך־אר־בייטער אין אמעריקע זיינען בארעכטיגט און זי קאן אויך ניט ארונטערלאזען פון די וויידזשעס, ווי לאנג די ארבייטער אין טרייד האבען אזעלכע קורצע ארבייטס־סי־זאנס.

דאס אלעס האט פרעזידענט שלעזינ־גער מאנטאג נאך א מאל קלאר געמאכט ביים קאנפערענץ און דינסטאג האבען די מאנופעקטשורער געדארפט זאגען זייער לעצטען ווארט, זייער ענטפער צו זיי נעה־מען עס אן.

כדי צו קומען צו א פארשטענדיגונג, האבען די פארשטעהער פון דער יוניאן פארגעשלאגען א שטיקעל פשרה, וואס אנבאלאנגט א רעדאקשאן אין וויידזשעס.

די מאנופעקטשורערס טענה'ן, אז די וויידזשעס פון די קלאוקמאכער זיינען צו הויך.

די פארשטעהער פון דער יוניאן ענט־פערען אויף דעם, דאס נעהמענדיג אין אנ־באטראכט די קורצע ארבייטס־סיזאנס מיט דער לאנגער סלעק־צייט זיינען די וויידזשעס פון די קלאוקמאכער נאך צו נידעריג. ווארום דער אמת איז, דאס די ארבייטער פלאגען זיך צו מאכען א לעבען. און די יוניאן האט סטאטיסטיקס צו באווייזען אז דאס איז ווירקליך אזוי.

זאגען די מאנופעקטשורער, אז זיי הא־בען אויך סטאטיסטיק, און זייערע סטא־טיסטיק ווייזען, אז די פארדינסטען פון די קלאוקמאכער זיינען צו הויך.

אבער די יוניאן קאן ניט און וויל ניט גלויבען די סטאטיסטיק פון די מאנופעקטשורער און די מאנופעקטשו־רער ווילען ניט גלויבען די סטאטיסטיק פון דער יוניאן. האבען די פארשטעהער פון דער יוניאן פארגעשלאגען, דאס זא־לען די ארבייטער ווייטער בלייבען אר־בייטען אויף די זעלבע באדינגונגען פאר עטליכע מאנאטען צייט, און דורך דיזער צייט זאל א דזשאינט קאמיטע פון דער יוניאן מיט דער אסס'ן קלייבען נייע סטא־טיסטיק אין באצוג וויידזשעס און זאל די וויידזש־פראגע שפעטער געשליכטעט ווע־רען, לויט די צייגעניסען פון דער נייער סטאטיסטישע אונטערזוכונג, וואס וועט געמאכט ווערען פון ביידע צדדים.

די פארשטעהער פון דער אסס'ן הא־בען דינסטאג געהאט א מיטינג מיט זייער „וועיס און מינס" קאמיטע און זיי האבען געדארפט ענטפערען דינסטאג פארנאכט צי זיי נעהמען דער יוניאנס פארשלאג. אבער זייער מיטינג האט זיך פארצויגען ביז שפעט אין דער נאכט אריין און דינסטאג איז קיין ענטפער ניט געקומען. דער ענטפער איז געקו־מען ערשט מיטוואך בייטאג, ווי מיר האבען שוין באריכטעט אין אנפאנג פון די נייעס, און דאס איז, אז די פרא־טעקטיוו איז נאך דערווייל צו קיין שלום ניט געקומען.

דערווייל, אלזא, בלייבען אין די קלאוק־שעפער דיזעלביגע ארבייטס־בא־דינגונגען, ביז די קאנפערענצען וועלען זיך ענדיגען.

א קאנפערענץ מיט דער „אמע־ריקאן" אסאסיאיישאן.

די „אמעריקאן" אסאסיאיישאן האט צוגעשיקט א בריף צו אונזער אינטערנע־שאנאל און צום דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן, ערקלערענדיג, דאס אזוי ווי דעם 1טען דזשון איז אויס־געגאנגען דער אגרימענט צווישען איהר און די יוניאן, פארלאנגט זי אנצוהויבען פארהאנדלונגען וועגען א נייעם אגרי־מענט.

אויף דעם פארלאנג האט די יוניאן באשטימט א קאמיטע, מיט דזשענעראל מענעדזשער י. פיינבערג אלס טשערמאן, זיך צו טרעפען מיט פארשטעהער פון דער „אמעריקאן אסס'ן", און א קאנפערענץ איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען מאנ־טאג, דעם 5טען דזשון.

אויף דער קאנפערענץ זיינען בא־שפראכען געווארען איינינע טרייד־פרא־גען, און מען איז געקומען צו א פאר־שטענדניס, דאס די ווייטערע פארהאנד־לונגען זאלען אפגעלייגט ווערען פאר א צוויי וואכען צייט, ביז נאך דעם מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, און ביז נאך דער קאנווענשאן פון די אמעריקאן פעדערייש‍ן אוו לייבאר, ווי דאס איז אויך דער פאל מיט די קאנפערענצען פון די פראטעקטיוו.

א וויכטיגער שאפ־סטרייק אין באסטאן

דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק־מאכער יוניאן אין באסטאן האט ער־קלעהרט א סטרייק געגען דער פירמא גאלדמאן און סילווערמאן.

דער סטרייק איז אן ענטפער אויף א לאוק־אוט וואס די פירמא האט געמאכט, אויסשליסענדיג אלע זייערע ארבייטער.

א געוויסען שבת, מיט צוויי וואכען צוריק, האט די פירמא צוזאמען גערופען אלע ארבייטער און מען האט געהאלטען פאר זיי א רעדע, דאס דיזע פירמא גיט אויף מאנופעקטשורינג און דאס די אר־בייטער זאלען זיך זוכען אנדערע פלעצער צו דער ארבייט. און טאקע גלייך נאכ־דעם האט די פירמא צוגעמאכט דעם שאפ.

דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק־מאכער יוניאן האט אויפגענומען די אנ־געלעגענהייט און באשלאסען דיזע צו ער־קלערען אין סטרייק.

אלזא, דער שאפ פון דער פירמא איז איצט אין סטרייק און די יוניאן איז אויף דער וואך צו זעהן, וואס די פירמא וועט איצטער טאן, וואו זי וועט פרובירען מא־כען איהר ארבייט. ווארים די פירמא האט נישט געזאגט, אז זי וויל אינגאנ־צען ארויס פון די קלאוק ביזנעס, זי האט, ווי עס שיינט, בלויז געוואלט אויפגעבען דעם „אינסייד" שאפ און מאכען איהר ארבייט ביי סאב־מאנופעקטשורערס און אין קארפאריישאן שעפער.

אגב איז עס שוין ניט דאס ערשטע מאל וואס דיזע פירמא טוט עס. מיט א פאר יאהר צוריק האט די פירמא געטאן די זעלבע זאך, און אויך דעמאלט האט די יוניאן די פירמא ערקלערט אין סטרייק. דעמאלט האט די פירמא געמוזט ווידער עפענען דעם אינסייד שאפ און זי וועט עס מוזען טאן אויך איצטער. די יוניאן וועט ענערגיש אנפיהרען דעם סטרייק געגען דער פירמא און זי וועט אויך דעם מאל דעם אינסייד שאפ ווידער מוזען עפענען, און ווידער באשעפטיגען די אר־בייטער, וועלכע זי האט אויסגעשלאסען פון דער ארבייט.

זאלען די קלאוקמאכער פון באסטאן נעהמען אין אכט, דאס די פירמא גאלד־מאן און סילווערמאן איז אין סטרייק. זאלען אלע יוניאן לייט ווייכען פון דער פירמא, ביז זי וועט סעטלען מיט דער יוניאן.

ערשטער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון ניי־ערוועהלטען דזשענעראל עקז. באארד.

(שלוס פון זייט 1).

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכער באשטעהט פון די פאלגענדע פערזאנען:

פרעזידענט ב. שלעזינגער, דזשענע־ראל סעקרעטער אב. באראף, ערשטער וויים־פרעזידענט סאלוואטארא נינפא און די וויים פרעזידענטען דזש. האלפערן, י. פיינבערג, דזש. העלער, סעמועל לעפ־קאוויטש, דזש. ברעסלאו, ה. וואנדער, ד. דובינסקי, פאניא מ. כאהן, מ. פערל־שטיין, ה. סקוהלמאן, ס. זיידמאן, מאקס גארענשטיין, ע. רייזבערג און פרעד מא־נעסאן.

צוזאמען מיט'ן דזשענעראל עקזעקו־טיוו באארד וועט אויך זיין ש. יאנאווסקי, דער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט". ער וועט נאכדעם איבערגעבען פאר די לעזער די וויכטיגע באשלוסען פון דעם מיטינג.

א צווייטער „הייק" פון סטו־דענטס קאונסיל, זונטאג, דעם 18טען דזשון.

דער „האיק" פון דעם סטודענטען קאונסיל פון אונזערע יוניטי סענטערס, לעצטען זונטאג, איז געווען א גרויסער ערפאלג. א צווייטער „האיק" ווערט ארגאנזירט פאר זונטאג פריה, דעם 18טען דזשון. גענויערעס נעקסטע וואך.

קלאוק פרעסערס יוניאן לאקאל 35

רעגעלע סעקשאן מיטינגען

וועלען אפגעהאלטען ווערען
אין די פאלגענדע פלעצער:

די ניו יארקער פרעסער וועלען מיטען אין „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי.

מאנטאג אווענט, דעם 12טען דזשון

די בראנזווילער פרעסער וועלען מיטען אין לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט.

דעם שבת, דעם 10טען דזשון

זעהר וויכטיגע פראגען וועלען אויף די מיטינגען פארהאנדעלט ווע־רען. זאלען וואס מעהר מיטגלידער קומען צו די מיטינגען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35

דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.